ב"ה

# אין ליכט פון תורה

ספר

# מעלפת ספירים

## אידיש

**626**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ט לפ"ק

# ספר
# מעלפת ספירים

ספורי מעשיות פון הה"צ הק', דער רבי ר'
שלמה סאַסיבער זצ"ל, וואָס פון גאַר דער וועלט
איז מען צו אוהם געקומען און מ'איז געהאָלפען
געוואָרען חוץ לדרך הטבע:

## המוציא לאור בן ציון לאנגנער

## לבוב

שנת תר"ץ לפ"ק

# MYLEFES SPIRYM

LWOW 1930.

Copyright by Benzion Langner. Lwow, Piastów 14.
(Printet Poland.)

Wszelkie prawa zastrzeżone.

# אינהאלטס־ פערצייכעניס


| [illegible] | פון זייטע | ביז זייטע |
|---|---|---|
| ביאגראפיע | 3 | 20 |
| נאך אין די צייט'ן פונ'ם אלט'ן בעלז'ר צדיק האט מען שוין געוואוסט אז דער רבי וועט זיין א גרויסער פועל ישועות | | 20 |
| פון הר' משה גאלער מרעדים | 20 | 21 |
| פון הר' אברהם דוד ממקילינץ | | 21 |
| פון הר' מענדיל שו"ב מסאסיב | 21 | 22 |
| יארטשיבער דיבוק | 22 | 27 |
| וועגען גיין אין מקוה אריין | 27 | 28 |
| ווי איינער איז געקומען פון אמעריקא מיט א קראנקער שוועסטער | 28 | 31 |
| ווי מען האט דעם רבי'ן פערבעטען קיין בארסליב אויף א שבת | 31 | 32 |
| פון הר' יצחק מענקיס מקאזליוו | 32 | 33 |
| פון דער פרוי פון הר' בעריש צוקערקאנדעל מסאסיב | 33 | 34 |
| פון דער פרוי פון הר' יושיע לאנדוי מלבוב | 34 | 35 |
| פון הר' הערציל שנעפף מסאסיב | 35 | 36 |
| הר' מיכל לאטוואק, דער איידים פון הנגידה חנה הארוויץ מסטאניסלאוו | 36 | 38 |
| פון הר' יצחק מאיר כ"ץ פון אשוויצים | | 38 |
| פון הר' שלום רויזען, דער ברידער פון החסיד ר' וואלי טאפריוועך | 38 | 39 |
| פון הר' יצחק סטאלער מסאסיב | 39 | 40 |
| פון הר' משה דוד מירמעלשטיין מסוואליווע ביי מונקאטש | 40 | 42 |
| פון א קראנק מיידיל מיט א שרעקליכען שליקערץ | 42 | 43 |
| א שרעקליכע פאסירונג מיט א יונג'לי פון צעהן יאהר | 43 | 45 |
| א קראנקע פרוי פון נוי יארק פאהרט קיין וויען צו א פראפעסאר | 45 | 47 |
| די פטירה פינ'ם רבי'נס זוהן הה"צ הק' ר' יוסף דוד זצ"ל | 47 | 48 |
| די פטירה פינ'ם רבי'ן זי"ע ועכ"י | 48 | 52 |


——— די זעלבע ספורים קען מען אויך האבען אויף „לשון הקודש" אצל המו"ל ———

## מודעה!

אני מבקש מכל מחבר אשר ברצונו להוציא ספרו לאור, שיפנה אלי. ואקו' אשר יפיק רצון בזה, הן מהאותיות החדשים והיפים, והן מן הגהה מדויקת צצהיו"ט.

המו"ל

—o0o—


אסור להדפיס שנית זה הספר וגם להעתיקו, בלתי רשות המו"ל!

ישועה הצלה וברכה והצלחה אויף דער וועלט, און אויף יענער וועלט, 1) דער מחבר פון די דאָזיגע ספורים איז געוועזן אַ שטענדיגער בן בית ביי׳ם וועלט בעקאַנטען צדיק, דער סאַסיב׳ר רבי ר׳ שלמה זי״ע.

צו דעם דאָזיגען צדיק פלעגען קומען פון גאָר דער וועלט, פיעל טויזענט׳ר מענטש׳ן און דאָרך זיינע הייליגע תפלות צו השי״ת, זענען זיי געהאָלפען געוואָרען מיט רפואות און ישועות.

דער דאָזיגער צדיק האָט דאָס מקבל געוועזן פון זיין גרויסען זיידען, דעם אַלטען בעלזער צדיק, דער רבי ר׳ שלום רוקח זי״ע. 2) דער וואָס איז געוועזן אַ שטענדיגער בן בית ביי׳ם רבי׳ן, דער דאָזיגער ווייסט גאַנץ גוט ווי ווייט דער רבי איז געווען אָן גע-זאַפט מיט תורות, דבורים, און דרכים פונ׳ם גרויסען רבי׳ן זיינ׳ם דער בעלז׳ר צדיק הנ״ל. דער אַלטער בעלז׳ר צדיק איז געווען פה שלישי להבעש״ט זי״ע דאָס הייסט אַז צווישען די תלמודי הבעש״ט קען דער אַלטער בעלזער צדיק גערעכענט ווערען דער 3-טער, א) דער רבי ר׳ בער דער מעזריטשער מגיד זי״ע פונ׳ם בעש״ט ב) דער רבי ר׳ שלמה לוצקער דער סקאָלער מגיד זי״ע, פינ׳ם רבי׳ן ר׳ בער ג) דער אַל-טער בעלז׳ר צדיק פינ׳ם רבי׳ן ר׳ שלמה:

נאָך דער פטירה פונ׳ם אַלט׳ן בעלז-זער צדיק, איז דער רבי געוועזן ביים פאָטער אין אָלעסק, און אויך דאָרט ביים פאָטער דער וועלט בעקאַנטער גאון און צדיק דער „לב שמח״ זי״ע, האָט דער רבי דאָרט אַ סך מקבל געווען, תורות, דבורים, און דרכים בדרכי ה׳ און וויל דער פאָטער האָט טאַקי געוויסט דאָס גרויס-קייט פינ׳ם זוהן אזוי פלעג זיך אַ סך מאָל טרעפען דאָס מאַנכע מענטשען וואָס זענען געקומען וועגען אַ ישועה אַזוי פלעג ער זיי שיקען צו׳ם רבי׳ן, 3) און די דאָזיגע האָבען טאַקע געזעהן ווי דעם רבי׳נס ברכות ווערען מקוים, אַזוי ווי די הייליגע ספרים ברענגען צדיק גוזר והקב״ה מקיים: 4)

• • •

דער מחבר פון די ספורים האָט געוואוינט אין סאַסיב, און איז געוועזן דאָרט ביי׳ם רבי׳ן זי״ע אַ בן-בית אזוי אַז אַלעס וואָס דאָ ווערט דער ציילט איז נישט ווי אייגער דער ציילט עפּעס ער האָט נאָר געהערט און נישט גע-זעהן, דאָ ביי די ספורים איז גאַנץ אַנדערש, דאָ ווערט דער ציילט וואונדער-ליכע זאַכען וואָס מען האָט געזעהן אויגען ווירטיג:

דער מחבר פון די ספורים, האָט זיך גיט צו געהערט צו זיינע הייליגע תפלות, אין די שבתים, ימים טובים, און ימי נוראים, און אויך ביי די טישען פראַוווען זיך גיט צוגעהערט צו די הייליגע תורות, דבורים, וואָס זענען אַרויס געזאָגט געוואָרען מיט התלהבות, מיט יראה, און מיט שמחה דער וואָס האָט זיך צו דעם אַלעם גיט צי געהערט, אַזוי האָט דער דאָזיגער מענטש

געמיוט

1) בספר לקוטי מוהר״ן חלק א׳ סימן ס׳ וסימן רל״ד.
2) זעה אויספירליך וועגען דאָזיגען ענין, ווייטער אין דער הקדמה זייט 11.
3) זעה פינ׳ם דאָזיגען ענין אינ׳ם ספור א׳.
4) זוה״ק בהקדמה דף י׳ וכות בזה עם פיליזאָף אחד, ואח״כ התגייר הפיליזאָף ע״ש

געמיוס מודה זיין אַז עס איז דאָ צדיקים אויף דער וועלט וואָס זייער גאַנץ חיות(* זייער גאַנץ שטרעבונג איז נאָר דביקות צו השי"ת, איז ממילא שוין נישט קיין ווינדער, אַז אַזאַ צדיק איז אַ פועל ישועות, און בעוויזט ווינדערליכע זאַכען, וואָרין וואָס מעהר דביקות פון דעם צדיק צי השי"ת אַלץ מעהר איז ער פועל ישועות:

* * *

דער רבי פלעג דאַווענען פאַר'ן עמוד שבת און יום-טוב, מעריבית און שחרית, און אין די ימי-נוראים מוספים, דער וואָס האָט זיך צו דעם גיט צו גע-הערט, אַזוי האָט דער דאָזיגער גישפירט אַ גרויס התעוררת. דער מנהג פינ'ם רבי'ן איז גיוועזין פרייטיג צי-נאַכט'ס נאָך דעם ווי ער האָט גיזאָגט ביי'ם עמוד „מזמור שיר ליום השבת" אַזוי פלעג זיך דאַמאָלס דער רבי אַנידער זעצען אויף דער שטיל און אַ פּאָר מי-ניט אַזוי גיזיצען בדביקת נפלא אָן שום דיבר, דאָס איז געוועזען אַ הכנה צו דער תפלה פון „כגונא" אין דער נאָך אָן געהויבען מיט גרויס התעוררת — רזא דשבת איהי שבת וכ' כד עייל שבתא איהי אתיחדת ואתפרשת מסטרא אחרא וכ' ואתעטרת בכמה עטרין לגבי מלכא קדישא — ווען דער רבי האָט דער מאָנט די ווערטער — „כד עייל שבתא איהי אתיחדת ואתפרשת מסטרא אחרא" — האָט מען דאַמאָלס געשפירט ממש אַזוי ווי מען גייט עפּעס אַרויס פינ'ם וואָכע-דיגען הבל הבלים. און ווען דער רבי איז צו געקימען צי די ווערטער פון „ואתעטרת בכמה עטרין לגבי מלכא קדישא" אַזוי האָט מען שוין דאַמאָלס געקענט דער שפירען דעם תענוג הרוחני פון קדושת שבת, מען קען זאָגען בלי שום גוזמא, אַז אָן געהויבען פון פרייטיג בּאַטאָג נאָך חצות, און אַזוי גאַנץ שבת ביז נאָך דער הבדלה פינ'ם רבי'ן זי"ע איז גע-וועזען ווי אויס געהאַקעלט איין לאַנגע קייט פון בלויז „עונג-שבת" און „חיות הרוחני" טאַקי מעין עולם הבאָ!.....

אין דער פריא שחרית, פלעג ער אָן הייבען, די תפלה „נשמת כל חי" און געזאָגט פון אָנהייב ביז ענדע פייערדיג מיט זיסקייט והתלהבות, אַז עס האָט יעדען צו געצויגען דאָס האַרץ מיט התעוררות:

דעם רבי'נס מוספים דאַווינען פין די ימים נוראים בכלל, איז גיוועזען מיט גרויס מסירת נפש, און בפרט די תפלה פון „וכל מאמינים" די דאָזיגע תפלה האָט דער רבי גיזאָגט איבער'ן כח מיט גרויס מסירת נפש:

אויך מעג מען שטאַרק מקנא זיין דעם מענטש וואָס האָט זוכה געווען צו הערען דעם רבי'ן זאָגען ביים עמוד גאַנץ תהלים. אין די טעג פון „שובבים" ביי דעם דאָזיגען תהלים זאָגען האָט מען געשפירט אַ אויסער געוועהנליך געפיהל פון יראה אהבה און שמחה.

אין די טעג פון „שובבים" (דאָס הייסט דאַמאָלס ווען מען לייענט די סדרות ש'מות, ו'ארא, ב'א, ב'שלח, י'תרו, מ'שפטים) אַזוי פלעג דער רבי דאַמאָלס אַ יעדע וואָך אין דער נאַכט פון דינסטיג אויף מיטוואָך זאָגען גאַנץ תהלים מיט אַ גרויסען עולם, ביי דעם עמוד

---

*) וועגען דער דאָזיגער הויכער מדרגה פינ'ם רבי'ן זעה סיפור כ' זייטע 47.

עמוד איז געשטאַנען דער רבי זי"ע און
געזאָגט דעם תהלים מיט אַזאַ התלהבות
און התעוררת אַז ס'האָט געקענט
מאַכען פונ'ם גרעסטען רשע אַ בעל
תשובה, דער תהלים זאָגען פינ'ם רבי'ן
זי"ע אין די טעג פון „שובבים" האָט
גערירט אַלע אָדער'ן אין מענטש,
ובפרט נאָך, ביי דעם „יה' רצון", נאָך
תהלים, ווען דער רבי זי"ע פלעג צו
קומען צו די ווערטער פון — „ותמהר
ותחיש לגואלנו וכו'" — דאַמאָלס
האָבען אַלע גלידער אין מענטש גערעט
ווערטער, בחינת „כל עצמותי תאמרנה
ה' מי כמוך", און נאָך יעצט, דער וואָס
דער מאַנט זיך, אין דעם תהלים, פון די
„שובבי"ם" טעג, אַזוי דער שפירט ער
אַ התעוררת, פון „שובו בנים שובבים":

ביי דעם קען מען זעהען דעם
חלוק צווישען צדיק און פראָסט'ן
מענטש דער פראָסטער מענטש זאָגט
דאָך די זעלבע תפלה, אָבער קאַלט אָן
חיות, אַזוי אַז די זעלבע תפלה האָט אַ
פנים, עפעס ווי אַ אַלטע זאַך אָן טעם,
ביי דעם צדיק אָבער איז גאַנץ
אַנדערש, די תפלות זענען תמיד,
שפוגעל ניי מיט אַ אויסער געוועהנליכען
גיטען טעם און געשמאַק:

* * *

אין יאָהר תרס"ז איז הרב
וגאון וכו' ר' ישראל לאַנדוי שליט"א דער
זלאָטשיווער רב, געוועזען אויף פרישע
לופט אַ פאָר חדשים אין סאַסיב, דער
דערמאַנטער גאון איז אַ סטרעטינער
חסיד, דער מנהג ביי די סטרעטינער
חסידים, איז צו דאַווענען מיט שטאַרק
התלהבות בניגון ובנוסח סטרעטין.

דער גאון הנ"ל האָט אין אָנפאַנג
גערעכענט אַז ס'וועט איהם אַזוי גרינג
נישט זיין קימען, דאָס ער זאָל קענען
מיט דעם סאַסיבער רבי'ן מיט דאַווענען
און שפירען אַ טעם מתיקות אין דעם
דאַווענען, אין אמת'ן אָבער ווען דער
גאון האָט געהערט דעם רבי'ן דאַווענען
ביי'ם עמוד, און זאָגען „נשמת כל חי",
„מזמור שיר ליום השבת", „כגונא", און
די טישען פראַווען, אַזוי איז ער אויסער
געוועהנליך איבעראַשט געוואָרען פון
דעם התעוררת וואָס ער האָט דאַמאָלס
געהאַט, אזוי אַז אין דער גאַנצער צייט
וואָס ער איז דאַמאָלס געזיצען אין
סאַסיב, אַזוי האָט ער כמעט נישט אַ
דאָרך געלאָזט, קיין איין טיש פראַווען,
אין קיין איין תפלה פינ'ם רבי'ן זי"ע,
פון יעדער תפלה, און טיש פראַווען האָט
ער געשעפט חיות, און תענוג הרוחני
און דאָס איז דאָך בעקאַנט, פון אַלע
הייליגע ספרים, אַז דער אמת'ר צדיק
און ריכטיגער רבי, איז נאָר דער וואָס
האָט בכח מיט זיינע תפלות און הייליגע
דבירים, איין צו פלאַנצען, אין זיינע צו
הערער יראה, און אהבה צו השי"ת אַזוי
אַז די אַלע מענטשען, וואָס קומען צו
איהם, איז חוץ דעם וואָס זיי פועל'ן אַ
ישועה, און ווערען געהאָלפען בגשמיות
אַזוי פועל'ן זיי אויך אַ ישועה ברוחניות
און דער רבי וואָס פערמאָגט אין זיך
דעם זעלטענעם קראַפט, טאַקי נאָר דער
הייסט דער אמת'ר צדיק, און ריכטיגער
רבי:

מיר געפינען דאָס אין דער היילי-
גער תורה, משה רבינו ע"ה דער אמת'ר
רבי, האָט געוויזען דעם דרך, אַז אַ
צדיק, אַ רבי דאַרף די יודען משפיע
זיין כל טוב, קערפערליך און גייסטיג,
צו אַלעם 'ערשטען דעם קערפער, און
דער נאָך זיין נשמה, אַזוי ווי עס שטייט
אין דער תורה (שמות י"ד) „ויושע ה'
ביום ההוא את ישראל מיד מצרים",
דאָס איז געוועזען אַ ישועה בגשמיות
„וייראו העם את ה' ויאמינו בד' ובמשה
עבדו

עבדו, דאָס איז שוין געווען אַ ישועה ברוחניות אויך:

צי דעם רבי'ן פלעגן קומען מענטשען מיט פערביטערטע הערצער, דער רבי פלעג זיי געבען אַ ברכה און זיי האָב'ן גע'פועל'ט אַ ישועה בגשמיות, אין אז זיי האָבען זיך גיט צי געהערט צי זיין דאַווענען ביי'ם עמוד, צי זיינע טישען פראַווען האָבען זיי גע'פועל'ט אַ ישועה ברוחניות אויך:

עס איז אויך גיווען צי בעווינדערען די אויסער געוועהנליכע מידות טובות פונ'ם רבי'ן זי"ע ער איז געוועהן אַ אמת'ר עניו און אַ שפל ברך און איז געווען אַ גרויסער סבלן, אַ יעדען איינ'ם פלעג ער מקבל זיין מיט אַ פריילּיך פנים, און מיט אַ נעימות-דיגען שמייכעל אַזוי אַז אפילו דער גרעסטער מרה שחורה'ניק אַז ער איז געקומען צי'ם רבי'ן איז ער באַלד געוואָרען אויף געמינטערט און לוסטיג, בכלל איז דער רבי געווען געטריי צו יעדען מענטש ווען עס פלעג זיין אַ סך מענטשען צום געזעגענען אַזוי איז נישט אָן געגאַנגען ביי דעם קיין שום פראָטעקציע, למשל דעם עושר פריער אריין צי נעמען אַזוי ווי געוועהנליך דער שטייגער פון דער וועלט איז, דעם עושר ציעט מען פאָר דאָ אָבער זענען די אַלע פראָטעקציעס נישט אָן געגאַנגען נאָר מען פלעג עפענען די טירען און דער גאַנצער עולם אָן אויס גאַמע, אָרים אָדער רייך זענען אַלע בעזאַמען אַריין געלאָזט געוואָרען אין דער שטיב ווי דער רבי איז דאָרט געזיצען און מען האָט נישט געלייגט קיין אַכט דאַרויף, ווער עס גיט אַ גרויסען פדיון און ווער אַ קלענערען אָדער גאָר נישט קיין פדיון, אדרבה אַ סך מאָל פלעג פאָרקומען דאָס אַ אָרים קוויטעל האָט דער רבי אָב געהאַלטען לענגער ווי צעהן רייכע קוויטלּיך;

מאַנכע מענטשען פלעגען איהם זאָגען — היילּיגער רבי איהר קענט אייך אויס ביטען ביי אינז אַ גרויסען פדיון און זאָגט אינז צי די ישועה — פלעג ער אויף דעם תמיד ענטפערען מיט הכנעה און זאָגען — בין איך דען אַ נביא איך זאָל קענען צו זאָגען און מבטיח זיין די ישועה? איך האָב דען עפעס וואָס צי פערקויפען, דאָס איך זאָל מיר קענען אויס ביטען אַ גרויסען פדיון? איך בעט נאָר השי"ת זאָל העלפען, אָבער וואָס פאַר רעכט האָב איך מיר צי הייסען געבען געלד?—. אויך פלעג אַ סך מאָל פאָר קומען דאָס בשעת דעם געזעגענען יענער האָט געגעבען דאָס קוויטעל מיט אַ פדיון, אַזוי פלעג דער רבי איהם זאָגען — דאָס קוויטעל נעם איך, און דעם פדיון נעם דיר צוריק וייל האָסט דאָך מיר דאָ ערשט נישט לאַנג געגעבען אַ פדיון, דו מיוזט דאָך נישט געבען אַלע טאָג פרישע פדיונות, אויך פלעג אַ סך מאָל דער רבי זאָגען — עפעס גיבסט דו דאָך מיר צי אַ גרויסען פדיון? וואָרען דער רבי האָט פערשטאַנען אַז דער יעניגער גיט איבער דעם כח, אַזוי האָט דער רבי זיך גענימען נאָר עפעס אַ קלייניקייט, און דעם רעשט צוריק געגעבען:

דער רבי האָט זיך אַ מאָל ביי אַזאַ קוויטעל, אויס געדריקט מיט אַ וויטץ עס איז אַ מאָל פאָרגעקומען דאָס איינע האָט געגעבען אַ קוויטל מיט אַ פדיון פון פיפציג קרוינען, דער רבי האָט פערשטאַנדען דאָס די יעניגע פרוי קען נישט געבען אַזאַ גרויסען פדיון אַזוי האָט דער רבי איהר געזאָגט — אַזאַ גרויסען פדיון גיבסט די? אַ גליק האָסט די וואָס האָסט אָן געטראָפען אויף מיר ווען די טרעפסט אָן אויף אַ אנדערען

אַזוי

אזוי וואָלט דאָך געוועזן פּאַרפאַלען — און ביי די ווערטער האָט דער רבי גענומען בלויז נאָר צוויי קרוינען, און דאָס רעשט געלד צוריק געגעבען:

דער רבי פלעג תמיד זאָגען — איך בין אַ סך מעהר צי פרידען ווען הונדערט יוזען גיבען מיר יעדער איינער אַ גולדען, ווי אַז איין יוד גיט מיר הונדערט גולדען אויף איין מאָל —:

עס איז אַ מאָל געשטאַנען ביים רבי'ן אַ השיב'ער מענטש און געזעהען ווי דער רבי געזעגענט, עס איז דאַמאָלס געוועזן אַ גרויסער עולם צים געזעגינען, דער מענטש האָט געזעהן ווי דער רבי האַלט אָב אַ קוויטעל זייער אַ לאַנגע צייט, און דער יעניגער פונ'ם קוויטעל איז גראָדע אַ אָרימאַן אַזוי האָט ער איהם געפרעגט — רבי עס וואַרט אַזאַ גרויסער עולם וואָס דאַרף זיך געזעגענען, און אין דער צייט וואָס דער רבי האַלט אָב אַזוי לאַנג דעם אָרימאַנ'ס קוויטעל אַזוי וואָלטען זיך דאָך אין דער זעלבער צייט געקענט אָב געזעגענען עטליכע נגידים וואָס וואַרטען, און אַ סך פון זיי האָ'ען געמיזט צוריק פּאָהרען נישט געזעגענט, זיי האָבען זיך נישט געקענט דער וואַרטען ? — דער רבי אָבער האָט איהם געענטפערט, — אַ יוד משפיע צי זיין אַ ישועה איז מעהר ווערט ווי די גאַנצע וועלט געלד ווייל נישט תמיד איז אַ עת רצון צי פועל'ן אַ ישועה און אַז ס'איז אַ עת רצון פאַר דעם יוד 1) וואָס שטייט און געזעגענט זיך, זאָל איך איהם אַ וועק לאָזען באשר די אַנדערע קוויטלעך, קענען ברענגען געלד ? דאָס איז גאָר קיין סברה נישט ח"ו —: פון דעם קען מען זעהן דאָס "אהבת ישראל" פינ'ם רבי'ן זי"ע:

דער גרויסער צדיק, דער אַפּטער רב זי"ע, פלעג תמיד זאָגען, אַז אין עניין מדרגות קען מען זיך, גאַנץ לייכט אָב נאַרען, מען קען אַ מאָל מיינען, אַז מען האַלט שוין ביי די גאָר הויכע מדרגות, אין אמת'ן אָבער, האַלט מען נאָך גאָר קליין, גאָר פּראָסטע. אַזוי קען זיך דער מענש אין אַלע זיינע יאָהרען כסדר האַלטען אין איין אָב נאַר'ן, און זיך איין רעדען אַז ד'איז אַ חסיד, אַ ערליכער יוד, און דאָס איז נאָר בלויז זיך אַליין גע'נאַר'ט. דער אַפּטער זי"ע גיט צו דעם, אַ וואָנדער-באַרע עצה, און זאָגט אַזוי, דו ווילסט וויסען, ווי ווייט דו האַלסט, אין דער מדרגה, פון "אהבת ה'"? אַזוי קענסט דו דאָס, גאַנץ לייכט אָב פּראָבירען וואָרין דאָס ווייסט די דאָך ביי דיר גאַנץ גיט, ווי ווייט דו האַלסט אין דער מדרגה פון "אהבת ישראל" דאָס הייסט, ווי ווייט דו האָסט ליעב אַ יוד, און ביזט מקיים, דעם פסוק פון דער תורה, וואָס די תורה זאָגט דיר אַן "ואהבת לרעך כמוך אני ה'" (ויקרא י"ט י"ח) דאָס אַלעס ווייסט דו דאָך ביי דיר גאַנץ גיט, אַזוי איז דיר שוין מיט דער פּראָבע גאַנץ לייכט צו וויסען ווי ווייט דו האַלסט אין דער מדרגה פון "אהבת ה'" וואָרין די צוויי מדרגות "אהבת ישראל" און "אהבת ה'" זענען איינ'ס מיט'ן אַנדער'ן אַזוי צוזאַמען געשמאָלצען אַז ס'איז אויס געשלאָסען צו רעכענען אויף דעם אַז מען קען זיין אַ חסיד, אַ צדיק, אַ בעל-מדרגה, אָן אהבת ישראל, און מיט דער פּראָבע, קענסט דו דיך גיט אָב פּראָבירען, און ביזט גאַנץ זיכער אַז דו וועסט דיך נישט טועה זיין,

---

1) ברכות דף ל"ד עמוד ב' שאלו את ר' חנינא בן דוסא מנין אתה יודע הישב להם אם תפלתי שגורה בפי יודע אני שהוא מקובל ע"ש:

אפילו מיט אַ מילי-מעטער, וואָרין דאָס איז די זיכערסטע מאָס און די בעסטע פּראָבע, אַזוי האָט תמיד געזאָגט, דער גרויסער צדיק אין "אוהב ישראל" דער אַפּטער זי"ע, און אַזוי זאָגען אַלע צדיקי אמת, וואָס גרעסער דער צדיק איז, אַלץ מעהר אהבת ישראל בעזיצט ער, דער "דרך הבעש"ט" זי"ע, איז כמעט און גאַנצען געשטעלט אויף דעם "יסוד" דער עיקר פונדאַמענט פונ'ם דרך הבעש"ט איז "אהבת ישראל", אין אַ חיבור פון די תלמודי בעש"ט זי"ע (בספר דרך אמונה ומעשה רב) ווירד געברענגט אַז עס איז אַ מאָל פאַר דעם בעש"ט זי"ע געשטאַנען אַ יוד, דער יוד האָט אויך מיט געהאַט, זיינ'ס אַ קינד אַ בן יחיד'ל, האָט דער בעש"ט זי"ע בעמערקט, ווי דער פאָטער גיט דעם קינד אַ קיש, דער בעש"ט זי"ע רופט זיך אָן צי'ם פאָטער פינ'ם קינד, און זאָגט צו איהם, מיט די ווערטער, – אַ מענש דאַרף נישט אַרויס ווייזען די אהבה, אַ מענש בעדאַרף די אהבה, בעהאַלטען אין זיך, און נישט אַרויס צי ווייזען פאַר יענעם, גלייב מיר אַז איך האָב ליעב דעם ערגסטען יוד אַ סך מעהר ווי די דיין בן יחיד'ל אין פון דעסט וועגען, קיש איך איהם נישט,– פון דעם קען מען זיך מאַכען אַ שטיקעל מוסטער, פון דעם "אהבת ישראל" פינ'ם בעש"ט זי"ע:

אין די חבורים, פון די תלמודי הבעש"ט זי"ע (בספר מאור עינים פ' קדושים ובספר נתיב מצות'ך כו') ווערד געברענגט, אַז דער בעש"ט זי"ע פלעג תמיד זאָגען, די ווערטער –דער אמת'ר צדיק, וואָס האָט אין זיך נישט, קיין שום רע נאָר בלויז טוב, דער דאָזיגער צדיק, קען נישט זעהן, קיין שום שלעכט'ס, אויף אַ יוד, אפילו אויף דעם ערגסטען יוד–. אַז דער בעש"ט זי"ע, פלעג זאָגען מוסר דעם עולם, אַזוי פלעג ער עס זאָגען, מיט גרויס אהבה, און האָט עס געזאָגט אויף אַזאַ אופן, אַז דער יעניגער, האָט נישט געליטען קיין שום בושה, און קיין שום צער, נאָר אדרבה, דער יעניגער איז געוואָרען מלא שמחה, פון די דבורים מתיקים, און טרייסט ווערטער, וואָס דער בעש"ט זי"ע פלעג זיך דאַמאָלס באַניטצען און ממילא האָט דער יעניגער מקבל געווען באהבה, די דברי מוסר פינ'ם בעש"ט, און אַזוי אַרום דער נאָך ממילא געוואָרען אַ אמת'ער בעל תשיבה און אַ צדיק גמיר:

דער בעש"ט פלעג זייער ווינציג האַלטען פון די מוכיחים, וואָס שטעלען זיך זאָגען מוסר דעם עולם מיט שאַרפע שטראָף רייד, און ביי'ם מוסר זאָגען ערלויבען זיי זיך אַרויס צו רעדען שטאַרקע בעשולדונג'ען אויף דעם עולם, די דאָזיגע שטראָפער'ס פלעג דער בעש"ט אָן רופען מיט דעם נאָמען "נחשים השרפים" (בספר תולדות פרשה קדושים בשם הבעש"ט עפ"י משל) דער בעש"ט האָט אַ מאָל געזאָגט צי איינעם פון די דאָזיגע מוכיחים מיט די ווערטער – מוסר ה' בני אל תמאס (משלי ג' פסוק י"א) דאָ זאָגט מען דעם מוכיח אַזוי אַז די שטעלסט דיך זאָגען פאַר דעם עולם "מוסר ה'" אַזוי מיזט דאַמאָלס זיין זייער פאָרזיכטיג אין דעם אַז "בני אל תמאס" דאָס הייסט אַז מיט דיינע שטראָף רייד זאָלסט די נישט ממאס זיין "בני בכורי ישראל"–.

(עס׳ צרור החיים בשם הבעש״ט זי״ע)

די תלמידים פינ׳ם בעש״ט זי״ע אין אַלע זייערע הייליגע חבורים גייען זיי אַלע אין דעם אָן געצייכענטען וועג פון זייער גרויסען רבי׳ן, מעורר צו זיין אויף יעדען טריט און שריט "זכית-ישראל„ און "אהבת-ישראל„:

אויך איז געווען שטאַרק צים בעווינדערען דעם רבי׳ן, ביי דער מידה פון „רך לרצות״ דעם גרעסטען שונא זיינ׳עם, האָט דער רבי נישט נאָך געטראָגען קיין שים שנאה, אדרבה אַז עס האָט זיך אַמאָל געהאַנדעלט וועגען אַ טובה דעם שונא, אַזוי האָט איהם דער רבי קיין מאָל נישט אָב געזאָגט דאַ׳פון, נאָר איהם געטיען די טובה מיט דער גרעסטער ליעב׳שאַפט, און מיט דעם גאַנצען האַרץ, און איהם אָן געטיען כבוד גלייך ווי צי זיין גרעסטען גיטען פריינד, אַזוי אַז מען קען זאָגען אַז אין דער מידה פון „רך לרצות״ איז דער רבי געווען איינער פון די גרעסטע:

אויך האָט דער רבי געוויסט, אויף וואָס פאַר אופן מען בעדאַרף זיך צי בעניטצען מיט דער מידה פון „ענוה״ און „אהבת-הבריות״, דאָס אַלעס איז טאַקי מידות טובות; אָבער נישט תמיד, וואָרען למשל ווען עס האַנדעל׳ט זיך וועגען יודיש-קייט וואָס די אפיקורסים און שונאי ישראל ווילען דאָס מבטל זיין, אַזוי קען מען דאַמאלס נישט זיין אַ „רך לרצות״, דאַמאלס מיז מען זיך שוין בעניטצען אַזוי ווי דוד המלך ע״ה זאָגט – הלא משנאיך ה׳ אשנא ובתקממיך אתקוטט, תכלית שנאה שנאתים לאויבים היו לי – (תהלים קל״ט) דעם פסוק האָט דער רבי מקיים געווען, דאָס האָט מען געקענט זעהען, דאַמאלס ווען ווייזער, דער שעף פון דער גרויסער פאַפיר פאַבריק אין סאַסיב, האָט זיך דאַמאלס אַנגעשטרענגט און געוואָלט מיט דער מיט הילף פונ׳ם סטאַראָסטי איין פירען אין סאַסיב אַ סקאָלע פיר יודישע קינדער, דער רבי האָט אָבער גיט געוויסט, אַז דעם יודישען למוד וואָס מען גייט דאָרט איינפירען זאין דער שקאָלע, וועלען די קינדער פונ׳ם איינגעפירטען למוד אַראָב געפירט ווערען פינ׳ם יודישען וועג אַזוי איז דאַמאלס דער רבי אַרויס קעגען איהם מיט אַ פערביסענ׳ם קאַמפף. דער ווייזער איז געווען אַ גרויסער גביר ער האָט בעזיטצט אַ אומגעהויער רייכ-טום, דער סטאַראָסטי איז געווען מיט אוהם און זיי האָבען דעם רבי׳ן געסטראַשעט מיט פערשידענע סטראַשינ-קעס, דער רבי האָט אָבער אויף אַלע סטראַשינ-קעס גאָר נישט געקיקט, און געקעמפפט דאַגעגען מיט אַלע קרעפטען, דער רבי פלעג זאָגען אַז מען צווינגט 1) צי גייען אין סקאָלע, אַזוי איז שוין בעסער אַ גוי׳שע סקאָלע מיט גוי׳שע מלמדים איידער אַ יודישע סקאָלע מיט יודיש-גוי׳שע מלמדים, וואָרען אַ יודישער גוי אַ מלמד, איז פאַר׳ן יודיש׳ן קינד אַ סך ערגער:

דער

---

1) מאמר ר׳ טרפון במסכת שבת דף קט״ז ע״א אפילו אדם רודף אחריו להורגו ונחש רץ להכישו נכנס לבית עובדי כוכבים ולא לבתהם של אלו שהללי מכירין וכופרין והללי אין מכירין וכופרין וכו׳ ועלהן אמר דוד המלך ע״ה הלא משנאיך ה׳ אשנא וכ׳

דער מחבר פון די ספורים ווייסט פון איינ'ם אַ הויך געבילדעטען מענטש וואָס ער איז אין דער יוגענד געוועזען אַ גרויסער אַנהענגער אין [illegible] אַזוי געריפענער „השכלה בעוועגונג" און האָט דאַמאלס שטאַרק מיט געהאָלפען צו פערשפרייט'ן די השכלה-נעטץ מיט'ן איין פירען דעם דאָזיגען למוד, שפּעטער אָבער ווען ער האָט געזעהן די פרוכט'ן פונ'ם דאָזיגען למוד אַזוי האָט ער זיך געקלאַפּט אין האַרץ, און געזאָגט חטאתי ער האָט זיך אויס געדריקט מיט די ווערטער —איך בין מודה און מתודה אַז אין די יונגע יאָהרען מיינע בין איך געוועזען אַ געגנער דעם דרך החסידות איך בין דאַמאלס געווען אַ משכיל און געשטרעבט יענעם אויך צו מאַכען פאַר אַ משכיל אַצינד אָבער ווען איך זעה אַז דער דאָזיגער שעדליכער למוד האָט געפירט צו שמד אַזוי בין איך מודה אַז כ'האָב שטאַרק געזינדיגט. איך בין נישט געווען קיין משכיל נאָר אַ „מכשיל" מיט דעם דאָזיגען למוד האָב איך יענעם מכשול געוועזען אין דער נעטץ פון כפירה און שמד— אַזוי האָט געזאָגט איינער פון די גרעסטע פון זיי. פון דעם קען מען זעהן ווי ווייט מען דאַרף קעמפפען אַ קעגען זייערע למודים:

מען דאַרף אַ קעגען זיי קעמפען ווייל דוד המלך ע"ה רופט ויי אָן מיט דעם נאָמען "משנאי ה'„ נישט שונאי ה' רופט ער זיי נאָר "משנאי ה'„ דאָס איז טייטש זיי מאַכען יענעם פאַר שונאים, זייער תכלית איז שנאה, זייער גאַנץ שטרעבונג איז נאָר אין יענעם אריין צו ברענגען שנאה צום דת, און צו אַלעם וואָס הייליג איז, אויף די דאָזיגע זאָגט דוד המלך ע"ה „תכלית שנאה שנאתים" איך האָב זיי פיינט בתכלית השנאה איך האַלט זיי פאַר מיינע ערגסטע שנאים. עס איז פערהאַנדען אַ זאַלכע וואָס זינדיגען נאָר פאַר זיך אין שטרעבען נישט יענעם אויך מיט צו רייסען, אויף די דאָזיגע זאָגט מען נישט „תכלית שנאה שנאתים" אדרבה אויף די דאָזיגע זאָגט דוד המלך ע"ה מיט רחמים און מיט רצון 1) — יתמו חטאים מן הארץ ורשעים עוד אינם — (תהלים ק"ד). דער] רבי זי"ע פלעג אַ יעדען מקבל זיין מיט אהבה און מיט שמחה נאָר אַבער ווען עס האָט זיך עפּעס געהאַנדעלט וועגען די משנאי ה' אַזוי האָט ער שוין די דאָזיגע אויף גענימען מיט אַ כיבד ווי אין פסוק שטייט „הלא משנאיך ה' אשנא" וכו':

דער רבי איז געוועזען אַ עוסק בתורה ועבודה כל ימיו, ער פלעג אויך נאָר ווינציג שלאָפען, און אפילו דאָס ביסעל וואָס ער איז געשלאָפען איז אויך געוועזען מיט אַ סיגוף, ער פלעג זיך קיין מאָל נישט אויס טיען די מלבושים צו'ם שלאָפען, נישט בּאַנאַכט און נישט בּאַטאָג, ער פלעג זיך נאָר אויס טיען דעם ספאָדיק פונ'ם קאָפּף און די שיך חוץ דעם האָט ער קיין שום מלבוש נישט אויס געטיען:

דער רבי פלעג זיך אַ מאָל ביי אַ טיש-פראַווען פערטראַכטען מיט דביקות אַזוי אַז אפילו אַ גאַנץ פשוט'ער מענטש האָט פערשטאַנדען אַז דאָס איז נישט קיין פשוט'ע זאַך, דער רבי האָט אַמאָל ביי אַ סעודה פון אַ חתונה, ביי זיינ'ם אַ קינד, דער בדחן האָט געמאַכט פערשידענע פאָרשטעלונגען מיט גרויסע וויטצען צו'ם לאַכען, דער עולם האָט פונ'ם בדחנ'ס וויטצען שטורמ'יש גע-

לאַכט

1) ברכות דף יוד' חוטאים לא נאמר אלא חטאים

לאכט, דער רבי איז דאמאלס די גאנצע
צייט געזיצען ביים טיש אבער שטארק
פערטיפט אין זיינע געדאנקען די
אויגען געהאלטען אפען, און געקוקט
צי'ם עולם, אבער יעדער האט פער-
שטאנען און געזעהען אז דער רבי
איז עפעס אזוי ווי אויף א אנדערען
עולם עס קומערט אוהם גאר נישט
וואס דא טוט זיך מיט דעם כדחן,
איבער דער גאנצער צייט פונ'ם
פארשטעלונג וואס האט געדויערט
איבער א שעה צייט, האט דער רבי
קיין איין שמייכעל נישט געטיען:

דער רבי פלעג נישט געבען קיין
"קמיעות" 1) ער פלעג זייער ווינציג
האלטען פון די יעניגע וואס ערלויבען
זיך צו שרייבען קמיעות, זיין זיידע
דער אלטער בעלז'ר צדיק און גאון
דער רבי ר"ש רוקח זי"ע, האט אויך
זייער ווינציג געהאלטען פון די, וואס
שרייבען קמיעות.

דער רבי האט זיך א מאל אן
גערופען צי'ם עולם און געזאגט מיט
די ווערטער —איך וועל אייך דער
ציילען א וואונדער-ליכן סיפור פינ'ם
בעלזער זיידע'ן ווי וויית ער האט נישט
געהאלטען פון קמיעות שרייבען— דער
זיידע זי"ע איז א מאל געפאהרען אין
וועג אריין, אין אויפ'ן וועג איז איהם
אויס געקימען צו שטיין א פאר שעה
ביי איינעם א בעל-הבית און דער
דאזיגער בעל-הבית איז גראדע געוועזען
אזאלכער וואס האט געהאלטען פון
קמיעות אזוי איז טאקע דארט ביי
אוהם אין א יעדער צימער געהאנגען
א קמיע, דער זיידע האט זיך געוואלט
דארט אב רוהען אביסעל פינ'ם וועג
און ער האט נישט געקענט אנשלאפען
ווערען אזוי רופט ער זיך אן צו'ם
טאטי'ן זי"ע און זאגט —איך קען נישט
אנשלאפען ווארבן דארך דער קמיע,
נעם עפעס און פער דעק דאמיט די
קמיע אזוי וועל איך אפשר קענען א-
ביסעל אנשלאפען ווערען, און טאמער
ווער איך אנשלאפען, אזוי זאלסט די-
מיך אין א שעה ארום אויף וועקען,
דער טאטי האט אזוי געטיען, ער האט
די קמיע פער דעקט, און אזוי נאר ווי
די קמיע איז פער דעקט געווארען אזוי
איז טאקע דער זיידע באלד אנשלאפען
געווארען, נאך דעם ווי דער טאטי האט
געקוקט אויפ'ן זייגער און געזעהן אז
עס איז שוין די צייט פינ'ם אויף
וועקען אזוי האט ער געפריבט און
אויף געדעקט די קמיע, און אין דער
זעלבער רגע טאקע האט זיך דער זיידע
אויף געוועקט:—

עס איז כמעט נישט א וועק גע-
גאנגען איין טיש פראווען פונ'ם רבי'ן
זי"ע, דאס ער זאל נישט נאך זאגען א
דבר תורה פון זיין גרויסען זיידען
דער אלטער בעלזער צדיק זי"ע:

דער רבי איז געבוירען אינ'ם
יאהר תקצ"ה אין דער בעלז'ר צדיק
איז נפטר געווארן אינ'ם יאהר תרט"ו
אזוי ארום איז דער רבי דענצמאל אין
גאנצען אלט געוועזען איין און צוואנ-
ציג יאהר, און דער וואס איז געוועזען א
שטענדיגער בן-בית ביי'ם רבי'ן אין
געזעהן ווי דער רבי איז אן געזאפט
מיט תורות, דבורים, און דרכים, פינ'ם
בעלז'ר צדיק, אזוי איז דאך שווער צו
בעגרייפען ווי איז דאס מעגליך? אזוי
יונג אין גאנצען איין און צוואנציג
יאהר אלט, ווען האט ער פינ'ם בעלז'ר
צדיק דאס אלעס מקבל געווען, נאר
או

1) שמות געשריבען אויף פארמעט.

אַז מען וויל וויסען איז עס גאָר נישט אַזאַ ווינדער, וואָרין דאָס איז דאָך ידיעה אַז אַ יעדער צדיק האָט אין זיך "אהבת ישראל", ער האָט ליעב יעדען יוד און בפרט נאָך צו'ם רבי'ן זיינעם שפירט ער דאָך אַ אויסער געוועהנליכע אהבה, אַזוי איז שוין במילא דאָ קיין שום חידוש נישט וויל ווי דער שטייגער איז, אַז דאָס קינד וואָס עס טראָגט אויף זיך דעם רבי'נס נאָמען אַזוי שפירט מען צו דעם דאָזיגען קינד אַן עקסטרע אהבה, דער בעלז'ר צדיק איז געוועזען אַ תלמיד פונ'ם גרויסען גאון און צדיק דעם רבי ר' שלמה לוצקער זי"ע, און אַז דאָס קינד דער תלמיד טראָגט אויף זיך דעם רבי'נס נאָמען גיט מען מיט דער פילער האַנד, אַזוי אַרום איז שוין גאָר קיין חידוש נישט אויף דעם, וואָס דער רבי האָט זיך נאָך אַלס גאָר יונג-ער מאַן, אַן געזאַפּט מיט אַזוי פיעל תורות, דבורים, און דרכים, פינ'ם בעלז'ר צדיק זי"ע:

דער רבי חוץ דעם וואָס ער איז געוועזען אַ תלמיד פינ'ם אַלטען בעלז'ר צדיק זי"ע, און אויך אַ תלמיד ביי'ם פאָטער דער וועלט בקאַנטער גאון און צדיק, דער רבי ר' העניך אַלעסקער זי"ע, פון דעסטוועגען האָט ער זיך מיט דעם אַלעם נאָך נישט בעניגען געלאָזט, נאָר געזוכט צו לערנען ביי אַנדערע צדיקים אויך, אַזוי איז דער רבי גע-פאָהרען צו הה"צ הק' ר' יצחק מאיר פון אַפּט, הה"צ הק' ר' אליעזר פון דזיקוב, הה"צ הק' ר' חיים פון סאַנז, הה"צ הק' ר' אברהם'טשי פון סטרעטין זכותם יגן עלינו, ביי די אַלע צדיקים איז דער רבי זי"ע געוועזען, און ביי אַ יעדען צדיק זיך גיט צו געקוקט צו די מדרגות, און גוטע מידות זייערע און ביי יעדען צדיק מקבל געוועזען תורות, דבירים, און דרכים בדרכי ה':

* * *

דער רבי איז אַמאָל געזיסען אין סוכה ביי אַ טיש פראָווען, און רופט זיך אָן צום עולם איך וועל אייך דערציילען אַ ווינדערליכען סיפר פינ'ם בעלז'ר זיידען זי"ע, עס איז אַמאָל געוועזען אין אַ סוכות, וואָס עטליכע טאָג כסדר, האָט געהאַלטען אין איין רעגענען, דער זיידע האָט געהאַט דער פון גרויסע קרענקונג וויל דאָרך דעם רעגען קען ער דאָך נישט מקיים זיין די מצוה פון סוכה, און פאַר גרויס צער און קרענקונג, איז ער אַזוי געזיסען פער-שמאַכט, עס האָט אוהם נישט געשמעקט קיין שום עסען, און שלאָפען האָט ער אויך נישט געקענט, עס איז געווען ממש סכנות נפשות, אין דעם, ווי מיר שטייען אַזוי אַלע אין סוכה, קימט אַ-ריין די באָבע ע"ה, מיט אַ טעלאַר'ל איינגעמאַכט'ס, און זאָגט צו אוהם, עס איז דאָך סכנת נפשות, די ביזט אַזוי פערשמאַכט, פון גאָר נישט עסען, אפשר וואָלסט די עפעס פערזוכט פונ'ם איינגעמאַכט'ס, דער זיידע זי"ע, איז אָבער געווען אַזוי מלא יסירים, אַז ער האָט איר דאַרויף גיענפערט, מיט אַ ביסעל הקפדה, און געזאָגט — איך פרעג דיך אַליין, זעה'סט דאָך אַז השי"ת איז מיט אינז ברוגז, 1) הייסט די מיך עסען איינגעמאַכט'ס — דער זיידע האָט די פאָר ווערטער אַרויס געזאָגט מיט אַזאַ תמימות און התעוררת, אַז

דעם

1) סוכה דף כ"ח במשנה משל לעבד מוזג כוס לרבו ושפך לו קיתון על פניו וג'

וועם גאַנצען עולם האָט זיך געוויזען טרערען אין די אויגען, אַזוי אַז דער גאַנצער עולם האָט מהרהר בתשובה געווען, באַלד נאָך דעם אָבער האָט מען דערקענט אינ'ם זיידען אַז ער איז אַביסעל אויף געמינטערט געוואָרען, ער רופט זיך אָן צו איינעם פון די גבאים און זאָגט צו איהם. גיי אַרויס אויף דער גאַס און גיב אַ קוק צי עס רעגענט נאָך אַזוי שטאַרק. דער גבאי גייט אַרויס און קימט צוריק מיט דער תשובה אַז דער הימעל איז שטאַרק פערוואָלקענט און אַז עס רעגענט נאָך עס איז אַוועק נאָך אַ פּאָר מינוט אַזוי שיקט אוהם דער זיידע נאָך אַמאָל אַרויס. און דער גבאי קימט שוין אַריין מיט דער בשורה, אַז דער הימעל איז אויס געלייטערט, און אַז דער נען האָט אויפגעהערט:

דער רבי פלעג אַ סך מאָל ״ר צייל׳ען דעם דאָזיגען ספור. מען האָט געזעהן אַז דער רבי איז זיך מתכון מיט דעם ספור צו ווייזען ווי ווייט דער כח פון תשובה איז גרויס אַז אַזוי נאָר ווי דער עולם האָט אמת-דיג מהרהר בתשובה געווען אַזוי האָט טאַקע דער בעלזער צדיק באַלד פערשטאַנען אַז השי״ת איז שוין מיט אינז נישט ברוגז, און ממילא וועט שוין דער רעגען באַלד אויף הערען, אין דאָדאָרד טאַקע, האָט ער באַלד געשיקט דעם גבאי ער זאָל גייען זעהן ווי עס האַלט מיט׳ן רעגען ווייל ער איז געווען גאַנץ זיכער ביי זיך אַז נאָך אַזאַ התעוררות פונ׳ם גאַנצען עולם, האָט מען זיכער גע׳פועל׳ט ביי השי״ת, אַזוי ווי עס שטייט גשריבען (תהלים קפיטל קמ״ה) — קרוב ה׳ לכל קוראיו — איז טייטש אַז השי״ת איז נאָנט צו יעדען וואָס רופט צו אוהם, אָבער נאָר מיט דעם פונקט, — לכל. אשר יקראהו באמת — דאָס רופען און בעטען צו השי״ת, מיז זיין אמת-דיג, מיט׳ן גאַנצען האַרץ, אין דעם טאַקע, ליגט בעהאַלטען דער גרויסער כח פינ׳ם צדיק, און אין דעם זעהט מען אויך אַז עס איז נישט דער עיקר, וויפיעל ווערטער מען זאָגט, דער עיקר איז נאָר „ווער״ עס זאָגט. דער אמת-דיגער צדיק זאָגט אַרויס די ווערטער, „מעומק לב״ פון דער טיפסטער טיפעניש פינ׳ם האַרץ, אַזוי איז גענוג נאָר בלויז אַ פּאָר געציילטע ווערטער און דער גאַנצער עולם איז מהרר בתשובה:

דער רבי זי״ע פלעג אויך נישט זאָגען דעם עולם קיין סך שטראָף רייד, ער פלעג נאָר זאָגצן אַ פּאָר געציילטע ווערטער, און דאָס איז שוין גענוג געוועזען מען זאָל באַלד מהרר בתשובה זיין, דאָס האָט ער געלערענט פון זיין גרויסען זיידען, פונ׳ם בעלז׳ער צדיק, און אויך פון זיין פאָטער. דער וועלט בערימטער גאון, און צדיק, דער רבי ר׳ הענעך אַלעסקער זי״ע:

זיין פאָטער דער אָלעסקער צדיק איז בעקאַנט פאַר אַ גאון בנגלה און בנסתר. עס איז געבליבען פון אוהם אַ סך חבורים, נישט אַלע חבורים זענען גע·דרוק·ט געוואָרען, עס איז נאַר געדרוקט געוואָרען, סידור „לב שמח״ אַ פירוש אויף תפלה, און אויף דע־ הגדה של פסח, און ספר „לב שמח״ אַ פירוש אויף תורה:

דער אַלעסק׳ער צדיק, איידער ער איז געקומען קיין אַלעסק, האָט ער

ער געוואָהנט אין אַ שטעטעל „סטאָיאַנאָוו", ער איז דאָרט'ען געוועזן רב און רבי, ער איז אָבער דאָרטען שוואַך געוואָרען אויף די לונגען, און האָט געהוסט מיט בלוט, און טראָץ דעם האָט ער אויף זיך גאָר נישט געקוקט, און פלעג יעדען טאָג דאַווינען פאַר'ן עמוד, מיט גרויס התלהבות די קינדער זיינע פלעגען אוהם בעטען, אַז ער זאָל זיך נישט אַזוי אַנשטרענגען ביי דעם דאַווענען, און אַז ער זאָל נישט דאַווינען פאַר'ן עמוד, אונן זיי האָבען אָבער געזעהן אַז זיי קענען דאָס נישט פועל'ן אַזוי האָבען זיי זיך מיישב געווען און זענען אַריבער געפאָהרען קיין בעלז צו'ם בעלזער צדיק וייער זיידע און אוהם דער ציילט, ווי וייער פאָטער איז שלאַף, און ער קוקט אויף זיך גאָר נישט, ער דאַוועגט פאַר'ן עמוד מיט אַנשטרענג-גונג, אַזוי האָבען זיי געבעטען פון אוהם, אַז ער זאָל באַפעהלען צו'ם פאָטער, אַז ער זאָל נישט דאַווענען פאַר'ן עמוד, די קינדער זענען געוועזן זיכער ביי זיך אַז דער זיידע וועט זייער בקשה זיכער ערפולען; דער בעלזער צדיק האָט אָבער זיי געענפערט דאַרויף מיט די ווערטער — וואָס לאָזט זיך טיען, די וועלט דאַרף דאָך אָבער זיין דאַווענען פאַר'ן עמוד—:

פון דעם קען מען זיך שוין פאָרשטעלען דאָס גרויסקייט פונ'ם אָלעסקער צדיק זי"ע. די מידות טובות זיינע בכלל זענען געווען שטאַרק צו'ם בעוואונדערען, און בפרט נאָך, די מידה זיינע פון —עבדי את ה' בשמחה— (תהלים קפיטל ק') אין דער דאָזיגער מידה איז דער אָלעסקער צדיק געוועזן איינער פון די גרעסטע, די דאָזיגע מידה איז ביי אוהם געוועזן שטאַרק איין געפלאַנצט, דאָס קען מען זעהן פון דעם, וואָס צו די אַלע חבורים זיינע וואָס ער האָט מחבר געוועזן, האָט ער נישט געפינען קיין פאַסיגער'ן נאָמען ווי „לב שמח", דער נאָמען „לב שמח", אויף אַלע זיינע חבורים זאָגט עדות אויף דעם גרויסקייט פונ'ם אָלעסקער זי"ע, אין דער מידה הנ"ל. דער גרויסער גאון און צדיק, דער אָפטער רב זי"ע, ווייל זיין עיקר עבודה איז געוועזן „אהבת ישראל", אַזוי האָט ער זיין חבור אויף תורה אַ נאָמען געגעבען „אוהב ישראל", דער אָלעסקער זי"ע, איז דער עיקר עבודה זיינע געוועזן אין דער מידה פון —עבדי את ה' בשמחה— אַזוי האָט ער אַ נאָמען געגעבען די חבורים זיינע „לב שמח". די מענטשען וואָס האָבען זוכה געוועזן צו זיין ביי'ם „לב שמח" זי"ע, די דאָזיגע מענטשען האָבען גיט פערשטאַנען, די טייטש פון —עבדי את ה' בשמחה בואי לפניו ברננה—:

דער רבי זי"ע איז געגאַנגען אין דעם זעלבען וועג פונ'ם פאָטער אויך ער איז אין דער זעלבער מידה געוועזן איינער פון די גרעסטע.

הה"צ הרבי אליעזר קאָמאַרנער זי"ע, האָט אַ מאָל געשמיסט פונ'ם רבי'ן און געזאָגט —אינזער מחותן הה"צ הרבי שלמה סאַסיווער, האָט מדרגת „שמחה" דאָס איז די גרעסטע מדרגה פון אַלע מדרגות—:

דער האר"י הקדוש האָט אַמאָל געזאָגט צו זיין תלמוד, הה"ק ה"ר חיים וויטאַל זי"ע, אַז צו די גרויסע

מדרגות זיינע האָט ער זוכה געווען, נאָר אין זכות דעם וואָס ער האָט מקיים געווען דעם פסוק - עבדו את ה׳ בשמחה און אָט די מידה, פון מדרגת שמחה, האָט אוהם אַ רוֹיף געבּרענגט אויף זיינע הויכע מדרגות, ער האָט באַוויזען ווינדערליכע זאַכען, ער האָט אַרויס געזאָגט אַ דבור און דער דבור איז באַלד מקוים גע-וואָרען, אַזוי ווי עס שטייט געשריבען, — דער צדיק איז גוזר און השי״ת איז מקיים—: 1)

אין׳ם ספר שבחי האר״י ז״ע ווערט געבּרענגט זייער ווינדער-ליכע זאַכען, און צווישען די אַלע ווינדער-ליכע זאַכען וואָס זענען דאָרט אויס גערעכענט, ווערט דאָס אויך געבּרענגט אַז מען פלעג צו׳ם האר״י הקדוש ברענגען אַ זאָליכע מענטשען, וואָס האָבען געהאַט אין זיך „דבוקים״, און זיי זענען באַלד געהיילט געוואָרען.

דאָס וואָרט „דבוק״, איז אַ לשון קודש וואָרט, עס שטאַמט פונ׳ם וואָרט „דבק״, דאָס איז טייטש „באַהעפטען״, אַז עס בּעהעפט זיך ח״ו צו׳ם מענטש, עפּעס אַ פרעמדער גייסט, און דער פרעמדער גייסט רעד אַרויס פון אוהם אַזוי רופט מען דאָס „דבוק״. ווען דער פרעמדער גייסט רעד אַרויס פון אוהם, אַזוי איז דער מענטש דאמאלס געַנצ-ליך בּעוואָסטלאָז, דער דאָזיגער מענטש קען אַמאָל אַזוי אַוועק רעדען אַ גאַנצע שעה צייט, און ווען עס לאָזט אוהם אָב, עס ווערד אוהם בּעסער, אַזוי פרעגט ער די מענטשען וואָס זענען אַרום אוהם, — איך בּין לאַנג גע-שלאָפען — ? . . . . . .

וואָרען ער ווייסט גאָר נישט וואָס מיט אוהם איז דאָ עפּעס פאָרגעקימען:

עס איז דאָ אַ סך מענטשען, וואָס זיי האַלטען זיך פאַר גרויסע חכמים, און זאָגען, —עפּעס מענטשען „משגעים״ טראַכטען אויס אַ „מעשה מיט אַ דבוק״—

די דאָזיגע חכמים, זאָגען אַז דאָ האַנדעלט זיך בלויז נאָר וועגען אַ נערווען קראַנקען מענטש ער רעד און ווייסט נישט וואָס ער רעד, פּינקט ווי איינער רעד פון אַ היציגער קראַנקהייט, און ווען עס ווערד אוהם בּעסער ווייסט ער אויך נישט, און געדענקט נישט וואָס מיט אוהם איז פריער פאָר-געקימען. מענטשען נאַראָנים רופען דאָס „דבוק״, אַזוי איז די טענה, פון די אַלע וואָס רעדען זיך איין אַז זיי זענען „חכמים״.

די אַלע „חכמים״ אָבּער, און די אַלע „וואוילע-יונגען״, ווען זיי זענען אָבּער געקומען דאַצו, און דאָס גע-זעהן אויגען ווירטיג, אַזוי זענען זיי דאמאלס געוואָרען אויס „חכמים״, אויס „וואוילע-יונגען״, עס האָט זיי דאמאלס פאַר שרעק, געקלאפט איין צאָהן אינ׳ם אנדערען, און האָבען שוין מודה געווען, אַז דער יעניגער וואָס רעד זיך איין, אַז ער איז אַ „חכם״, אַ „וואוילער-יונג״, איז ער אַ פשוט׳ע בהמה, וואָרען וואָס פאַר אַ חכמות קען מען בעווייזען, דאַמאלס ווען מען זעהט פאַר זיך אַ קליין שטעטעל-דיג חסיד׳יש יונג׳לי, אין גאַנצען צוועלעף יאָהר אַלט, נישט בעווכט קיין שום סקאָלע, און נישט פערשטאַנען קיין שום שפראַכע, אויסער

יודיש

---

1) שמואל ב׳ כ״ג אות ג׳ צדיק מושל יראת אלקים. ובמועד קטן דף ט״ז ע״ב מי מושל בי צדיק. ובהקדמת זוה״ק דף יוד׳

יודיש, ער האָט געלערנט אין אַ יודיש אָרטהאָדאָקסיש חדר, און דאָס זעלבע חדר יונג׳לי ווען דער פרעמדער גייסט האָט פון אוהם אַרויס גערעד אַזוי האָט ער דאַמאָלס געהאַלטען אַ וויסענשאַפטליכען פאָרטראַג, אַזאַ פאָרטראַג וואָס פּאַסט פאַר אַ גמינאַזיאַל פּראָפעסער. סטודענטען פון די העכערע קלאַסען זענען אויך געשטאַנען ארום יעם דאָזיגען ווינדער יונג׳לי און געהאַלטען מיט אוהם אַ גאַנצע דיסקוסיע, אוהם געשטעלט פערשידענע פראַגען, און דאָס קליינע „חדר יונג׳לי" האָט געענטפערט אויף יעדער פראַגע ווי דער בעסטער גמינאַזיאַל פּראָפעסער. 1)

אַזוי האָבען שוין נאָך דעם ווינדער. די אַלטע חכמים, די אַלטע וואוילע יונגען, גאַנץ אַנדערש ג׳רעד. פאַר דעם פלעגען זיי זיך וויטצלען מיט פערשידענע וויטצען, און פלעגען זאָגען — מענטשען „פאַנאַטיקער". קען מען איין רעדען אַז עס עקזיסטירט אַ זאָליכע זאַכען יואָס זענען העכער פון דעם מענטשליכען „שכל" — אַצינד אָבער, נאָך דעם ווי זייערע אויגען און אוירען האָבען געזעהן און געהערט דאָס וואָס זיי האָבען קיין מאָל נישט געגלייבט, אַזוי זענען זיי שוין געוואָרען אויס חכמים ביי זיך:

דער אַלעסקר צדיק דער „לב שמח" זי"ע. צו אוהם פלעגען אויך ברענגען אַ סך אַזאַליכע מענטשען. מיט „דביקים" און זענען דאָרן זיינע תפלות צו השי"ת באַלד געהיילט געוואַרען.

אינ׳ם יאַהר תרמ"ד אין צווייטען טאַג פון חודש אלול, איז דער אָלעסקער צדיק נפטר געוואָרען און מיט עטליכע וואָכען איידער זיין פטירה, איז אין גאָרליץ ביי סאַנז געוועזען אַזאַ קראַנקער מיט אַ „דבוק", און אין דעם שטעטעל איז געוועזען אַ יוד אַ חסיד מיט דעם נאָמען ר׳ אברהם׳לי עלמאַן, דער ר׳ אברהם׳לי פלעג געבען „סגולות", און פלעג „אָפּ שפּרעכן", אַזוי פלעגען מאַנכע קראַנקע גייען צו אוהם, איז מען מיט דעם „דבוק" אויך געגאַנגען צו ר׳ אברהם׳לען, דער ר׳ אברהם׳לי האָט ווי געוועגליך אויף זיין שטייגער אָן געהויבען אָב צו שפּרעכען, אַזוי האָט דער „דבוק" דאַמאָלס אָן געהויבען אַ רויס צו רעדען, און געזאָגט — ר׳ אברהם׳לי מאַכס אייך נישט נאַריש מיט אייער אָב שפּרעכען, מיט מיר דאַרף מען צו פאָהרען קיין אָלעסק, צו׳ם אָלעסקער צדיק דער רבי ר׳ העניך, דאָרט וועל איך האָבען אַ תקון, עס מיז אָבער שוין געשעהן קיין סך צייט איז נישטאָ ווייל אין אַפּאָר וואָכען אָרום וועט דער אָלעסקער צדיק שוין נישט זיין אויף דעם עולם, און איך מיז ביי אוהם זיין ווייל איך האָב אוהם אַ מאָל מבזה געווען, און כל זמן איך בעט אהום נישט איבער אַזוי קען איך נישט האָבען קיין „תקון", עס איז אין דעם גאַנץ לאַנג נאָך אין די גאַנץ אלטע צייטען פון די „חכמי המשנה" ז"ל, איז דאַמאָלס דער אָלעסקער צדיק געוועזען אַ „תנא" און איך האָב אוהם דאַמאלס מבזה געוועזען, און ביז אַצינד האָב איך מיך אַרום געוואַלגערט אין די וויסטעניסען, און נישט געהאַט די געלעגענהייט דאַצו, אַצינד אָבער אַז מען

האָט

1) זעה דעם ספור אויספיהרליך אין די ספּורים ספור ד)

האט געגעבן מיר דעם רשות זיך צו בעהעפטען אין א מענטש, אזוי האב איך דאדורך די בעסטע געלעגענהייט צו קענען איבער בעטען דעם אלעסקער צדיק. דארום זאל מען מיט מיר שוין פאהרען קיין אלעסק.— מען איז מיט אוהם טאקע באלד געפאהרען קיין אלעסק, און דארטען ביי'ם אלעסקער צדיק, איז דער קראנקער באלד גע־היילט געוואָרען, און אין א פאר וואכען ארום איז טאקע דער אלעסקער צדיק זי"ע נפטר געווארען:

דער אלעסקער צדיק זי"ע האט איבער געלאזט צוויי זוהן, הה"צ ה"ק דער רבי ר' יצחק'ל איז געבליבען נאכ'ן פאטער'ס פטירה אין אלעסק. אויפ'ן פאטער'ס ארט. און איז דארט געוועזען רב און רבי. דער רבי זי"ע איז געווען יונגער. האט ער זיך ארויס געצויגען באלד נאכ'ן פאטער'ס פטירה פון אלעסק, קיין סאסיב. דער עלטערער זוהן דער רבי ר' יצחק'ל פון אלעסק, איז געוועזען א איש קדוש ונורא. א גרויס'ר צדיק, און א פועל ישועות, מען האט ביי אוהם געזעהן גרויסע וואונדערליכע זאכען, נאך אלס גאר יונגער־מאן איז ער געווען ביי הה"צ ה"ק דער ריזינער זי"ע, אזוי האט אויף אוהם דער ריזינער צדיק גאר גרויס געזאגט. אויך הה"צ ה"ק דער רבי ר' מאיר'ל פראמישלאנער האט אויף זוהם געזאגט מיט די ווערטער, —זעהט איהר דעם יונגען־מאן, ער איז א דבר חידש, פאר אוהם דארף מען שטארק דרך־ארץ האבען, ער איז אויס געקנעטען מיט יראת שמים:—

דער רבי ר' יצחק'ל, האט א צייט געוואוהנט ביי'ם רבי ר' מאיר'ל. דער רבי ר' מאיר'ל איז געוועזען זיינע א עלטער שווער. 1) דער רבי ר' יצחק'ל האט זיך א מאל אן גערופען צו'ם עולם מיט די ווערטער — דער עלטער שווער דער רבי ר' מאיר'ל פרימישלאנער האט מיר אמאל געוואלט איבער געבען אלע זיבען הימלען, און דער האנד ארען, נאר איך האב גע־ענפערט דארויף. איך וויל נישט, אז איך וועל ווערט זיין וועל איך מיר דאס אליין אויס הארוען.— פון דעם קען מען פערשטיין דאס גרויס קיי' פונ'ם רבי ר' יצחק'ל:

דער מחבר פון די ספורים איז פטליכע מאל געוועזען ביי דעם צדיק און דער וואס האט זוכה געוועזען צו שטיין פאר דעם צדיק, דער דאזיגער קען האבען א שטיקעל בעגריף אין די ווערטער פונ'ם רבי'ן ר' מאיר'ל - מען דארף פאר אוהם שטארק דרך ארץ האבען, ער איז אויס געקנעטען מיט יראה שמים - און אזוי איז עס טאקע געוועזען, מען איז געשטאנען פאר אוהם מיט א אויסער געוויענליכען יראת הכבוד, א פחד און א יראה האט ארום גענימען דעם דאזיגען וואס ער איז געשטאנען פאר אוהם, מען קען זאגען בחינת „פחד יצחק" בחינת „וראו כל עמי הארץ כי שם ה' נקרא עליך ויראו ממך", (דברים כ"ח פסוק י'):

אין די חבורים פון די תלמידי הבעש"ט זי"ע, ווערט געברנגט פינ'ם בעש"ט'ס וועגען, אז דער מענטש האט ער איז א אמת'ער „ירא שמים", אזוי עקזיסטירט ביי אוהם נישט קיין שום אנדערער פחד פאר אנדערע זאכען



1) דעם רבי'ן ר' יצחק'לס שוויגער איז געוועזען דעם רבי'ן ר' מאיר'לס טאכטער.

אויסער פחד הבורא. יראה נאָר פאַר השי"ת אַליין ווערט אַן גערופּען „יראה עלאי", די הויכע יראה, דאַגעגען אַבער דער פחד פאַר אַ מענטש. 1) פאַר רויבּ טירע פאַר פייער אָדער וואַסער א.א.וו. די דאָזיגע יראה ווערט אַן גערופען „יראה תתאי", נידריגע יראה, און ביים אמת'ן - „ירא שמים" זעהן אויס אָט די אַלע יראות, ווי גאָר נישט, ווייל דער עיקר איז ביי אוהם די יראה עלאי, די הויכע יראה, דאָס הייסט אַז מיט דער הויכער יראה, בעזיגט ער אַלע נידריגע יראות, אַזוי אַז זיי מאַכען אויף אוהם קיין שום איינדרוק נישט, 2) און באמת איז עס טאַקע אַ גרויסע שאַנדע פאַר'ן מענטש, צי האָבען פחד פאַר עפּעס אַ זאַך, אויסער פחד הבורא, אַזוי ווי דוד המלך ע"ה האָט געבעטען צו השי"ת —העבר חרפתי אשר יגורתי— (תהלים קי"ט אות ל"ט) די שאַנדע פון אַ נידריגע יראה נעם פון מיר אַ וועק, דאָס הייסט, דוד המלך'ס ווינש איז דאָ געוועזען, אַז עס זאָל פאַר אוהם נישט עקזיסטירען קיין שום אַנדערע יראה, אויסער פחד הבורא. 3) די נידריגע יראה איז איבער הויפּט בעשאַפען געוואָרען נאָר טאַקע בלויז צו דעם צוועק כדי מיט דער נידריגער יראה, מעורר זיין צי דער הויכער יראה: 4)

דער מחבר פון די ספורים רעכענט אַז מיט דעם דרך, איז שוין לייכט צי פערשטיין די תוכן, סיג'ם פסוק, —כי עתה ידעתי כי ירא אלקים אתה ולא חשכת את בנך את יחידך מ מ נ י— (בראשית כ"ב י"ב) פאַר וואָס גראַדע נאָך דעם ווי אברהם אבינו ע"ה איז ביי געשטאַנען דעם נסיון, צו גיין שעכטען זיין איינציגען זוהן יצחק'ן. נאָך אַזאַ אויסער געווענ־ ליכען נסיון, האָט ער ערשט דאַמאָלס בעקומען דעם טיטעל. „ירא אלקים", אַזוי קען מען דאָך פרעגען וואָס גראַדע דעם טיטעל? נאָר לויט דעם דאָזיגען דרך, איז שוין גאַנץ רעכט, ווייל דער וואָס פערמאָגט נישט די מדרגה פון „ירא אלקים", „יראה רוממת", די הויכע יראה, ווען ער זעהט אפילו פון אַ גאַנץ פרעמדען מענטש, אַזאַ שרעקליכע זאַך, אַזוי וואָלט ער פאַר טויט שרעק פון בלויז צי זעהן אַליין, אויך צו זאַמען געבראָכען, אַציגד נאָך דאַצי אברהם אבינו ע"ה דער אמת'ר רחמן דער אמת'ר גומל חסדים טובים צו יעדען מענטש, אַזוי זאָל דער זעלבער איש החסד והרחמים, קענען האָבען אין זיך אַזאַ שטאַרקייט, ווי צו גיין אַליין שעכטען זיין איינציגען זוהן, און נאָך מעהר ווינדער איז דאָ. ער האָט עס געטיען גאַנץ פריא מיט איילעניש אַזוי ווי עס שטייט, —וישכם אברהם בבוקר— השי"ת האָט דאָך אוהם נאָר געזאָגט, —קח נא את בנך— נעם דיין זוהן, עס שטייט נישט —קח נא את בנך בהשכמת הבוקר,— נעם דיין זוהן גאַנץ פריא,— און פון דעסט וועגען האָט ער עס גע־ טיען מיט זריזות, בהשכמת הבוקר, און נאָך מעהר ווינדער איז דאָ, ער האָט עס געטיען מיט גרויס שמחה, אַזוי ווי

1) פערשטייט זיך פאַר אַ פּראָסטע מענטש נישט קיין „ירא אלקים".
2) בספר דגל מחנה אפרים פרשת שמות בשם הבעש"ט ז"ל.
3) בספר נופת צופים בשם הבעל שם טוב ז"ל.
4) בספר אור הגנוז בשם הבעל שם טוב ז"ל.

ווי עס שטייט — וירא את המקום מרחוק — דאָס איז געווען אַ מדרגה פון די מדרגת הנביאה, 1) אַז דער „נביא" איז מיט מרה שחורה, און מיט עצבות, אַזוי קען ער דאָך דאַמאָלס נישט זוכה זיין צי זעה'ן נביאות, ווייל ער מיז דאַמאָלס זיין מיט שמחה, 2) אַזוי אַרום איז דאָך גאָר נישט צי'ם פערשטיין, אַזאַ שרעקליכע זאַך צי גיין טיען און נאָך דאַצו מיט זריזות און מיט שמחה? נאָר לויט דעם דרך הנ"ל, אַז דער אמת'ר „ירא אלקים" פון „יראה רוממת" בעזיגט מיט זיין הויכער יראה, די אַלע אַנדערע יראות, און אַז אַ קעגען איין פינט'לע „עבודת הבורא" איז ביי אוהם די גאַנצע „עולם הזה" אַ גאָר נישט, אַזוי איז שוין אויף אַזאַ „ירא אלקים" קיין שום חידוש נישט, ווען ער גייט טיען די שרעקליכסטע זאַך פאַר השי"ת וועגען מיט זריזות, און מיט שמחה, און דאַדורך טאַקע, אברהם אבינו ע"ה נאָכ'ןביישטיין דעם שרעקליכען נסיון, אַזוי איז ער דאַמאָל'ס ערשט, בעטיטעלט געוואָרען מיט דעם טיטעל „ירא אלקים, פון דעם קען מען זעה'ן אַז דער טיטעל „ירא שמים" איז נישט קיין פשיט'ר טיטעל, און ווען דער גרויסער צדיק דער רבי ר' מאיר'ל פראָמישלאַנער זי"ע זאָגט אַ זאָליכע ווערטער אויף דעם רבי'ן ר' יצחק'ל אָלעסקער, — פאַר אוהם דאַרף מען שטאַרק דרך ארץ האָב'ן ער איז אויס געקנעטען מיט יראה שמים, — אַזוי קען מען שוין פון דעם פערשטיין דאָס גרויסקייט פונ'ם רבי'ן ר' יצחק'ל:

דער רבי זי"ע איז געווען יונגער פונ'ם רבי'ן ר' יצחק'ל, אַזוי האָט ער זיך באַלד נאָכ'ן פאָטער'ס פטירה אַרויס געצויגען פון אָלעסק, און זיך בעזעצט אין סאָסיב, און מ'איז גע־קומען צו אוהם פון גאָר דער וועלט טויזענט'ער מענטשען מיט פערשידענע בקשות, און זיי זענען דאָרך זיינע תפלות צו השי"ת געהאָלפען געוואָרען, אויך פלעגען קומען פערשידענע קראַנקע, ווי געלעמטע, שטימע, בלינדע טויבע, משגעים, און דבוקים, און מען האָט געזעהן ווינדער, ווי דעם קראַנקען ווערט אויפ'ן אָרט בעסער, דאָס האָט מען געזעהן אַ יעדען טאָג, צי בע־שרייבען אַלע ווינדערליכע זאַכען פונ'ם רבי'ן אַזוי וואָלט מען בעדאַרפט דאַצו הונדערטער בענדער, אָבער נישט פון בלויסע מופתים איז מען אַ רבי. דער רבי האָט אַלע זיינע יאָהרען שטענדיג געאָפּפערט זיין לעבען צו תורה ועבודה און מיט די לעצטע קרעפטען געדאַווינט און געטיהען מצות, אָבער ווען אַ פראָסטע מענטש וואָס ער האָט נישט געשטרעבט צו תורה ועבודה, און איז נישט קיין רבי'נס אַ קינד, אַז ער שטעלט זיך פאָר אַז ער קען בעווייזען ווינדערליכע זאַכען, איז ווער עס האָט נאָר אַ מענטשליכען פערשטאַנד. ער איז נישט קיין פערד פערשטייט ער אַז מען קען דעם פאָרשטעלער העכסט־ענס גלייבען, אַז ער איז אַ כישוף מאַכער, אָבער נישט למבדיל אַ רבי ער זאָל זיין, צדיק גוזר והקב"ה מקיים, דער אייבערשטער נעמט נישט אַ פראָסטען

---

1) רש"י ז"ל בשם המדרש ראה ענן קשר על ההר וכו'.

2) פסחים דף קי"ז ע"א ללמדך שאין השכינה שורה לא מתוך עצבות ולא מתוך עצלות אלא מתוך דבר שמחה של מצוה שנא' (מלכים ב' ג') ועתה קחו לי מנגן והי' כנגן המנגן ותהי עליו יד ה'.

פראָסטען גראָבען יונג פאַר אַ שיתוף, ער זאָל דאַרך. אוהם פערטיילען זיינע ישועות, און מופתים אויף דער וועלט. דער אייבערשטער האָט ח״ו נישט קיין פערלעגערטע סחורה, ער זאָל דאַרפען זוכען אַ זאָליכע נידריגע אַגענטען, ער האָט ב״ה גענוג ריכטיגע, און היילינע צדיקים לומדי תורה. עס שטייט אין פרק „ולא עם ארץ חסיד", דאָס מיינט מען אַז ווער עס קען נישט לערנען תורה קען אפילו נישט זיין קיין חסיד, איבערהויפט נאָך צו זיין אַ רבי, איז געוויס נישט:

---

נאָך אין די צייטען פונ׳ם אַלטען בעלזער צדיק, האָט מען שוין דאַמאָלס אויף גאַנץ גיט געוויסט אַז דער רבי וועט זיין אַ גרויס׳ר פועל ישועות, דאָס האָט מען טאַקי פערשטאַנען פונ׳ם אַל־טען בעלזער צדיק׳ס רייד. דער רבי איז אַ מאָל גישטאַנען נעב׳ן זיין זיידען דער אַלט׳ר בעלז׳ר צדיק הנ״ל, און זיך צו געקוקט ווי ער לייגט די קוויטליך און גיזעגינט דעם עולם, און אינ׳ם מיט׳ן גיזעגינען, קימט צו איינער פונ׳ם עולם נעב׳ן בעלז׳ר צדיק און זאָגט אוהם — רבי, איך פאָהר צו אייך פון זייער וויט, איך דאַרף אַ גרויסע ישועה — דער אַלט׳ר בעלז׳ר צדיק ענפערט אוהם דאַרויף — אַז מען פאָהרט פון זייער וויט איז די ישועה נאָהנט — און ביי דעם דאָזיגען רופט ער זיך אָן צו׳ם רבי׳ן און זאָגט צו אוהם מיט די ווערטער — זעהסט די מיין קינד אַז ס׳וועט צו דיר קימען אַ יוד פון זייער וויט זאָלסט די אוהם זאָגען „אַז מען קימט פון זייער וויט איז די ישועה נאָנט".—

פון די דאָזיגע רייד דאַמאָלס פונ׳ם אַלט׳ן בעלז׳ר, האָט שוין יעדער פער־שטאַנען אַז דער רבי וועט זיין אַ גרויס׳ר פועל ישועות:

---

## סיפור א.

החסיד הר׳ משה גאַלער פון רעדים, איז גיפאָהרין קיין אָלעסק צו׳ם „לב שמח" זי״ע, וועגען זיין זוהן הר׳ שלמה זלמן, דער זוהן זיינער איז דאַמאָלס גי־וועזן גיפערליך שלאַף, דער ר׳ משה גאַלער איז צו גיטרעטען מיט אַ קוויטעל צו׳ם „לב שמח", ער איז גישטאַנען מיט זייער אַ פערביטערטע האַרץ, ווי גיוועהנליך דער שטייגער איז ביי אַ פאָטער פון אַ שלאַף קינד, אַזוי האָט ער מיט אַ צ׳בראָכען גע־מיט, גיבעטען דעם „לב שמח" דאָס ער זאָל מעורר רחמים זיין פאַר׳ן שלאָפען זוהן, דער „לב שמח" נעמט דאָס קוויטעל און רופט זיך אָן צו אוהם מיט די ווערטער — גיי אַריין צו מיין זוהן ר׳ שלמה, — ר׳ משה הנ״ל איז באַלד אַריין געגאַנגען צו׳ם רבי׳ן, דער רבי האָט גענימען ביי אוהם דאָס קוויטעל און נאָכ׳ן אָב לייגען דאָס קוויטעל האָט זיך דער רבי פערטראַכט, אַזוי ווי זיין שטייגער פלעג צו זיין, און רופט זיך אָן דער נאָך צו׳ם פאָטער פונ׳ם שלאָפ׳ן מיט די ווערטער — ער שוויצט דאָך אַ־צינד, השי״ת זאָל העלפען, דאָס שוויצען זאָל זיין צו אַ רפואה שלמה.— דער פאָטער איז אַ היים געקומען, אַזוי איז מען אוהם אַ קעגען געקומען מיט דער גוטער בשורה אַז דעם זוהן איז בעסער און זיי האָבען אוהם דאָס אויף דער ציילט אַז דער זוהן זיינער האָט אָן געהויבען צו שוויצען, און נאָכ׳ן שוויס האָט מען באַלד בעמערקט אַ בעסערונג און ווען זיי האָבען אוהם דערציילט

אין

אין וועלכער שעה ער האָט בעקומען דעם שוויס, אַזוי האָט ער זיך אָן גערופען צו זיי און געזאָגט, דאָס האָב איך נאָך נעכטען געוויסט, דעם רבי'נס יונגער'ער זוהן ר' שלמה, האָט מיר דאָס געזאָגט, בשעת ער האָט געלייגט דאָס קוויטעל, איך האָב דאַמאָלס באַלד געקוקט אויפ'ן זייגער, אַזוי זעה איך אַ ציינד אַז ער זעהט ווייט, און נישט אַמזיסט האָט מיך דער רבי געהייסען גיין צו אוהם. דער ר' משה גאַלער נאָכ'ן לב שמח'ס פטירה פלעג ער טאַקע כסדר קומען צו'ם רבי'ן קיין סאַסיב:

---

## ——— סיפור ב. ———

החסיד ר' אברהם דוד פון מקילעניץ פלעג פאָהרען קיין אָלעסק צו'ם „לב שמח", אויף איינמאָל געשעהט אוהם אַ אומגליק, זיין ווייב איז פליצלינג שטאַרק פערשלאַפט געוואָרען, עס האָט איר אָן געהויבען שטאַרק צי שטוקען אין האַלץ אַזוי אַז מען האָט זי געהאַלטען באַלד פאַר טויט, מען איז אַוועק געלאָפען צו'ם דאָקטער, מ'האָט אָבער שוין גאַר ווינציג געהאַלטען פון דעם, אַז מ'זאָל זי נאָך טרעפען לעבעדיג, און מ'זאָל זי נאָך קענען דער ראַטעווען, און אין דער צייט אָבער איז דער ווייל גישעהן ווינדער אַז נאָך איידער דער דאָקטער איז געקימען אַזוי איז איר געענצליך גיט געוואָרען, און אַזוי ווי מען האָט נישט געוויכט פון וואָס דאָס איז געקומען, אַזוי האָט מען אויך נישט געוויסט פון וואָס עס איז אַ וועק געגאַנגען, אין אַ וואָך אַרום שפּעטער איז דער ר' אברהם דוד הנ"ל געפאָהרען קיין אָלעסק צו'ם „לב-שמח" אַזוי דער ציילען אוהם דאָרט זיינע פריינד אַז אין דער זעלבער שעה וואָס זיין ווייב איז דאַמאָלס פערשלאַפט געוואָרען, אַזוי האָט זיך דעם רבי'נס יונגערער זוהן הה"צ ר' שלמה, דאַמאָלס אין דער זעלבער שעה אָן גערופען מיט די ווערטער — אינזערס אַ היימישער יונגער-מאַן, אברהם דוד פון מקילעניץ, דאַרף אַ ישועה, דאָס ווייב זיינס איז נעבען שטאַרק פערשלאַפט געוואָרען, זי דאַרף גרויס רחמים,— און ביי די ווערטער האָט ער זיך אַ נידער געזעצט אויף דער שטיעל, און זיך פערטראַכט און אַזוי געזיצען אַ פאַר מינוט פערטיפט אין זיינע געדאַנקען, און רופט זיך אָן דער נאָך — זי איז שוין ב"ה אַ רויס פינ'ם געפאַהר — ווען דער ר' אברהם דוד איז אין אָלעסק דאָס געוואויר געוואָרען, אַזוי איז ער אויסער זיך געוואָרען פון דעם ווינדער, און פון דאַמאָלס אָן שטאַרק דרך ארץ בעקומען פאַר'ן רבי'ן, און געזאָגט ביז אַהער האָב איך פאַר אוהם דרך ארץ געהאַט גלאַט אַזוי, ווייל ער איז דאָך דעם רבי'נס זוהן, אַציינד אָבער מיז מען שוין גאַנץ אַנדערש דרך ארץ האָבען פאַר אוהם.

דער ר' אברהם דוד איז נאָכ'ן „לב שמח"ס פטירה תיכף נאָך אויפ'ן ערשטען ראש השנה געפאָהרען קיין סאַסיב, און אַזוי דער נאָך זיינע אַלע יאָהרען כסדר געפאָהרען צו'ם רבי'ן:

---

## ——— סיפור ג. ———

החסיד ר' מענדיל שו"ב, פון סאַסיב איז נאָך ביים „לב שמח" געווען גערעכענט צווישען די מקורבים, און נאָכ'ן לב שמח'ס פטירה איז ער אויך גערעכענט געווען צווישען דעם רבי'נס

מקורבים, דער דאָזיגער ר' מענדיל
שו"ב איז אַ מאָל שטאַרק פערשלאָפּט
געוואָרען, אַזוי איז דער זוהן זיינער
הר' יעקב מיט'ן שוואָגער הר' יוסף
פּרישוואָסער געקומען צו'ם רבי'ן, און
אוהם דערציילט ווי געפערליך שלאָף
ער איז, דער רבי האָט זיך פערטיעפט
אין זיינע געדאַנקען, און רופט זיך אָן
דער נאָך צו זיי מיט די ווערטער,
— גייט אַ היים און פרעגט אוהם צו
ער האָט געזעהן מיין טאַטען — זיי
זענען אַ היים געגאַנגען, און האָבען
טאַקע געזעהן ווינדער. דער געפערליך
קראַנקער ר' מענדיל הנ"ל האָט זיך
אום פערהאָפט אויף געזעצט, און
געשריגען, ווי איז דער אַלעסקער רב,
ער איז דאָך דאָ געוועזען? ביז מ'האָט
אוהם געגעבען צו פערשטיין אַז דאָס
האָט ער געזעהן אין חלום, וואָרען עס
איז דאָך דאַמאָלס שוין געוועזען נאָכ'ן
לב שמח"ס פטירה.

דעם קראַנקען האָט נאָך דעם אָן
געהויבען צו גיין אַלץ בעסער, און אין
אַ קורצער צייט אַרום איז דער
קראַנקער געגצליך געזונד געוואָרען:

## —— סיפור ד. ——

אינ'ם יאָהר תרנ"ב. איז אין
יאַרטשוב געשעהן אַ אויסער געוועהנליך
ווינדערליכע זאַך, אַ יודיש יונג'ל'ע,
צוועלף יאָהר אַלט, אַ יתום נאָכ'ן
פאָטער, ער איז דערפאַר ביים ויידען
דער מוטער'ס פאָטער, דער זיידע האַלט
אויס אוהם מיט זיין מוטער, אויף איין
מאָל געשעהט מיט דעם קליינעם יתום
עפּעס שרעקליכעס, ער גייט אַנפאַנג'ס
נאַכט אַביסעל אויף דער גאַס אַרויס
מיט אַ ליכט אין אַ לאַמטערען, ער
פערוואַמט זיך גראַדע נישט לאַנג און
קומט באַלד צוריק, נאָר אָבער שטאַרק
פערענדערט, ער ציטערט פאַר שרעק,
מען פרעגט אוהם וואָס איז מיט דיר
עפּעס געשעהן? דער ציילט ער אַזוי,
— איך בין געגאַנגען מיט'ן ליכט אינ'ם
לאַמטערען אין דער גאַס, אַזוי קומט
מיר אַקעגען עפּעס אַ הער, ער האָט
מיר פערלאָשען דאָס ליכט, און האָט
מיך שטאַרק איבער געשראָקען.— דער
זיידע און די מוטער זעהען אַז דאָס
קינד פיבערט פאַר שרעק, מען לייגט
דאָס קינד אין בעט אַריין, ער קען
אָבער נישט אַנשלאָפען ווערען, און
מען הייבט אָן צו בעמערקען עפּעס
אויסער געוועהנליכע זאַכען, דאָ ווערט
אוהם פּליציגג אָן געשוואָלען אומנאַטור-
ליך, דער בויך, און שפּעטער ווידער
בעמערקט מען דאָס זעלבע אויף אַ
אַנדער אָרט. און פּליצינג
דער זעהט מען נאָך ווי ביי דעם
קינד ווערט דער האַלז שטאַרק אָן
געבלאָזען און עס שטיקט אוהם אַזוי
אַז מען ציטערט אַז אָט אָט ווערט ער
ח"ו דערשטיקט, און שפּעטער ווידער
ווען אויפ'ן האַלז ווערט אוהם בעסער,
וואַרפט עס זיך אין די הענד, און
אין די פיס אַזוי אַז ער קען נישט
רירען, נישט מיט קיין האַנד, און נישט
מיט קיין פיס, נאָר ליגט אַזוי אָן גע-
קאָרטשעט מיט שרעקליכע שמערצען,
מ'האָט געפּריפט נוטצען דעם דאָרטיגען
דאָקטער, דער דאָקטער האָט געגעבען
פערשידענע מיטלען, און מען האָט
נישט געזעהן קיין שום בעסערונג, אַזוי
איז מען אַריין געפאָהרען מיט אוהם
קיין לעמבערג, מ'האָט דאָרט געניטצט
דאָקטוירים, פּראָפעסאָרען, אָבער אויך
אָן שום. ערפאָלג, דאָס קינד ליגט
געבען

נעבעך אַזוי אין איין שטאַנד, און מען זעהט גישט קיין הילף, די מוטער ווידער, פון'ם דאָזיגען אום-גליקליכען קינד ווען זי זעהט אַז די לעמבערגער דאָקטוירים מיט די פּראָפעסאָרען העלפען אויך נישט, אַזוי איז זי זיך מיישב, און פאָהרט קיין כאָסיב צו'ם רבי'ן, זי קומט קיין סאָסיב און שרייבט זיך אָב ביי'ם קוויטעל שרייבער אַ קוויטעל, זי גייט אַריין צו'ם רבי'ן און לייגט אַנידער דאָס קוויטעל פאַר'ן רבי'ן ווען דער רבי לייענט איבער דאָס קוויטעל, אַזוי רופט ער זיך אָן צו איר — איר וועט מוחל זיין אריין ברענגען אַ יאַרמיקע (אַ קאַפּעל, דער רבי פלעג דאָס רופען יאַרמיקע,) און איך וועל עס אָב בענטשען פאַר'ן קינד'ס וועגען —. די מוטער איז באַלד געגאַנגען דאָס געקויפט, און עס אַנידער געלייגט פאַר'ן רבי'ן, דער רבי האָט גענומען דאָס קאַפּעל אין דער האַנד אַריין און איז אַזוי געזיצען עטליכע מינוט פערטראַכט מיט דעם קאַפּעל אין דער האַנד, און רופט זיך אָן דער נאָך צו דער מוטער — איר וועט איר"ת אַ היים קומען זאָלט איר דאָס אָן טיען דעם קינד אויפ'ן קאָפּף — די מוטער איז אַ היים געקומען קיין יאַרטשוב, און טרעפט דאָס קינד אַן געקאָרטשיט די הענד מיט די פיס, נישט צו'ם רורען זיך, אַזוי ווי געשלאָטען אין קייטען, די מוטער נעמט דאָס קאַפּעל און טוט עס אָן דעם קינד אויפ'ן קאָפּף, אַזוי זעהט מען אויפ'ן אָרט עפּעס אַ ווינדער, ווייל אינ'ם דאָזיגען מאָמענט גלייכט זיך דאָס קינד אויס, און כאַפּט אַראָב דאָס דאָזיגע קאַפּעל פונ'ם קאָפּף און שליידערט עס פון זיך [illegible] וועק, באַלד אָבער נאָך דעם [illegible]

אוהם די הענד מיט די פיס צוריק אַן געקאָרטשעט, נישט צו'ם רורען גלייך ווי פריער, מ'פּראָבירט אוהם אָן טיען אַ אַנדער קאַפּעל, ביי דעם אַנדערען קאַפּעל אָבער רורט ער זיך נישט פונ'ם אָרט, נאָך דעם ווידער, פּראָבירט מען נאָך איין פּראָבע, מען נעמט עטליכע קאַפּלען, און צווישען די דאָזיגע קאַפּלען, דעם רבי'ס קאַפּעל אויך, און מען לייגט אוהם אַזוי אַלע קאַפּלען בעזאַמען אויפ'ן קאָפּף, אַזוי הייבט זיך דאָס קינד ווידער אַ מאָל אויף, ער גלייכט זיך אויס, און כאַפּט אַ רויס דעם רבי'נס קאַפּעל פון צווישען די אַלע אַנדערע, דעם רבי'נס שליידערט ער אַ וועק פון זיך, און די אַנדערע קאַפּלען לאָזט ער געבען זיך.

נאָך דעם דאָזיגען ווינדער-ליכען פאַקט בשליסען זיי דאָס מען מיז אוהם אָן טיען דעם רבי'נס קאַפּעל מיט געוואַלט. דאָס קינד ליגט טאַקי ווייטער מיט'ן פנים אַראָב, די הענד מיט די פיס אַן געקאָרטשעט, נישט צו'ם רורען אַזוי ווי פריער, אַזוי נעמט מען דעם רבי'נס קאַפּעל און מ'טיעט עס אָן דעם קינד אויפ'ן קאָפּף, צוויי שטאַרקע מענטשען שטייען פאָר בערייט נעבען קינד און אַזוי ווי אָבער נאָר דאָס קינד דערשפּיעדט דעם רבי'נס קאַפּעל אויפ'ן קאָפּף הייבט עס זיך אָן אויס צו גלייכען און וויל דאָס קאַפּעל אַ וועק שליידערען, די צוויי פאָר-בערייטע מענטשען האַלטען אָבער דאָס קינד פעסט אַרום און לאָזען נישט, דאָס קינד רייסט זיך אָבער מיט אום נאַטור-ליכע קרעפטען עס זענען צו צו'ם קינד נאָך מענטשען און קלאַמערען דאָס קינד נאָך פעסטער. און דאָ ביי דעם

דאָזיגען פאַקט אָבער מייזען זיך שוין אַרויס די אויסער געוועהנליכע ווינדער די אַלע מענטשען אַרום קינד בלייבען ווי פערשטאַרט פון טויט שרעק — — — דער דבוק שרייט פון אוהם אַרויס און זאָגט — אַז איך נעמט נישט אַראָב דעם רבי'נס קאַפּעל פונ'ם קינד, אַזוי דער שטיק איך עס אויפ'ן אָרט, — און אַזוי ווייטער נאָך דעם, האָט שוין דער „דבוק" אַרויס גערעד'ט ווינדער-ליכע זאַכען, ער פלעג זאָגאַר זאָגען אַ זאַליכע זאַכען וואָס שטייט אין די קבלה ספרים, וואָס אפילו אַ סך גרויסע מענטשען און לומדים האָבען אין דעם קיין שום ידיעה נישט, בפרט נאָך אַזאַ קינד, אַזוי אַרום האָט מען שוין פערשטאַנען אַז מ'האָט דאָ צו טוען מיט אַ אום נאַטורליכע קראַנקהייט, דער „דבוק" מיטשעט דאָס קינד מיט שרעקליכע יסורים, אַזוי פאָהרט מען מיט'ן קינד צו'ם רבי'ן, מ'איז געקומען קיין פאַסים, דאָס קינד ליגט אַזוי אין איין שטאַנד אַן ועקאָרטשעט עטליכע מענטשען טראָגען עס אַראָב פון דער פוהר אינ'ם רבי'נס שטיב אַריין, דאָרט ווי דער רבי געזעגענט דעם עולם, און אַזוי ווי אָבער נאָר דאָס קינד דער-זעה'ט דעם רבי'ן, אַזוי גיט זיך עס אַ גלייך אויס און אַ שטעל אַ נידער פאַר'ן רבי'ן, אַזוי ווי אַ סאָלדאַט, דער רבי גיט אַ פרעג דעם קינד, — ווי הייסט דיך? — דאָס קינד ענפערט עפעס אַ פרעמדען נאָמען, דער רבי גיט אויף אוהם אַ געשריי און זאָגט, — נישט דיך פרעג איך, נאָר אוהם! — אַזוי זאָגט עס שוין אַצינד זיין ריכטיגען נאָמען, דער רבי פערטיעפט זיך אין זיינע געדאַנקען אַ פּאָר מינוט און דאָס קינד שטייט אַזוי פאַר'ן רבי'ן גלייך און אויס געצויגען אַזוי ווי פאַר אַ קייזער נאָך דעם זאָגט דער רבי צו'ם קינד גיי אויף דער סטאַנציע, דאָס קינד גייט ביז צו דער סטאַנציע גלייך ווי יעדער מענטש, אויף דער סטאַנציע אָבער ווערט אוהם צוריק שלעכט, אַזוי ברענגט מען אוהם דעם צווייטען טאָג ווידער צו'ם רבי'ן, עטליכע מענטשען מיזען אוהם טראָגען אַזוי ווי פריער, און אַזוי ווי נאָר ער דער זעה'ט דעם רבי'ן פאַר זיך, אַזוי שטעלט ער זיך ווידער אויף און גייט צו צו'ם רבי'ן, גלייך ווי יעדער מענטש, עס האָט אַזוי געדויערט אַ פּאָר וואָכען, און דאָס קינד איז גענצליך געזונד געוואָרען, און דער נאָך שוין אַלס בעל-בית פלעג ער קומען צו'ם רבי'ן, געזונד ווי יעדער מענטש.

און אַזוי אויך די גאַנצע פאַמיליע זיינע פלעגען דער נאָך כסדר קומען צו'ם רבי'ן.

אין די פּאָר וואָכען וואָס דער „דבוק" פלעג אַרויס רעדען ווינדערליכע זאַכען, אַזוי פלעגען קומען פערשידענע מענטשען דאָס ביי צו וואָהנען הערען, און זעה'ן, די אום נאַטורליכע ווינדער. אין צווישען די דאָזיגע האָט זיך אויך געפינען מענטשען געבילדעטע אין דער אַזוי גערופענער מאָדערנער וויסענשאַפט, די דאָזיגע האָבען אויך געהערט פון דעם ווינדערליכען קליין שטעטעל-דיגען „חדר" יונגעל, עס איז זיי אָבער שווער געוועזן צו גלייבען אַז אַזוינס זאָל קענען געשעהען, דאַדורך זענען זיי זיך געקומען איבער צייגען, ווען זיי זענען אַריין געקומען, האָט זיי דער „דבוק" אויף גענומען מיט אַ קאַלטער אויפנאַהמע, און געזאָגט — איר זענט

חכמים ביי איך, איך בין אויך געווען אַ חכם נאָך מעהר פון אייך, איך האָב מעהר געלערנט פון אייך, און אַצינד בין איך אויף גרויסע צרות, איר זענט וואוילע יונגען, חכמים? נישט תמיד אָבער איז מען אַ חכם, אַ וואוילער יונג, אַז איר וועט אייך האַלטען ביי די אַלע חכמות אייערע, אַזוי וועט איר אויך קומען אויף אַ זאָליכע צרות ווי איך,— און באַלד טאַקי הייבט דער „דבוק" אַן צו האַלטען פאַר זיי אַ פילאָזאָפישען און וויסענ-שאַפטליכען פאָרטראַג, אַזוי גיט און פאָרטרעפליך, ווי דער בעסטער גמינאזיאל פראָפעסאָר זיי שטעלען אוהם פערשידענע פראַגען, און ער ענטפערט, צו'ם שטוינען.

די דאָזיגע זענען אויסער זיך, זיי הערען און זעהען אַ זאָליכעס וואָס זיי האָבען קיין מאָל נישט געגלייבט אַז אזוינס זאָל קענען געשעהען, זיי זעהען עס שטייט פאַר זיי אַ קליין יונגעל פון צוועלף יאָהר, מיט צוויי לאַנגע פאות, און אין אַ סקאָלע איז ער קיין מאָל נישט געגאַנגען, גאָר געלערענט אין אַ יודיש אָרטהאָדאָקס'ש חדר, און פון דעסט וועגען רעד'ט ער אַזוי גיט אַרום די שווער'סטע און פערוויקעל'סטע פראַגע פון דער וויסענשאַפט אַזוי אַז עס פאַסט פאַר אַ פראָפעסאָר אין דער הויך-שולע.

זיי די דאָזיגע חכמים בלייבען שטייען אָהן פרעגען — ווען, און ביי וועמען האָט ער דאָס אַלעס שטודירט?—

און אַזוי אַרום זענענען זיי שוין געקומען צו'ם שכל, און פון דאמאָלס אָן שוין געוויסט אַז זיי זענען אויס חכמים, און אַז די וויסענשאַפט ווייסט נישט. דער „דבוק" האָט זיי געגעבען צו פערשטיין, אַז אַנשטאט „וויסענשאַפט" וואָלט מען עס בעדאַרפט רופען די „נישט-וויסענשאַפט".

מען פרעגט דעם "דבוק„ ווי אַרום האָסט די דיך עפּעס אַריין בעקומען אין דעם דאָזיגען קינד? ער ענטפערט דארויף, און האַלט ביי דעם אַ גאַנצען פאָרטראַג, און זאָגט אַזוי — איר זאָלט נישט מיינען ווי אייך דאַכט זיך אַז עס ווערט געפירט אָן חשבון אָן רעכנונג, אַזוי אַז יעדער „דבוק" קען זיך אַריין בעקומען לייכט אינ'ם מענטש אַריין ווען ער וויל, און אין וועלכען מענטש ער וויל? ווען עס זאָל אַזוי לייכט גיין אַזוי וואָלטען זיך אין אַ יעדען מענטש אַריין בעקומען הונדערטער „דבוקים" וואָס האַלטען און איין לאָקערען אויפ'ן מענטש אויף יעדען שריט און טריט. איבער גליקליך איז מען אַז מען בעקומט די ערלויבניש זיך אַריין צו בעקומען אינ'ם מענטש, ווייל אינ'ם מענטש זענען מיר מעהר וועניגער בעשוצט פאַר די מזיקים וואָס האַלטען און איין פייניגען אינז. די מזיקים פייניגען אינז מיט אַ זאָליכע שרעקליכע יסורים וואָס מ'איז נישט אומשטאַנד דאָס פאָרצושטעלען. צו'ם לעבעדיגען מענטש אָבער האָבען די מזיקים נישט אַזאַ פרייצם צו-טריט, דאַדורך טאַקי ווען מען בעקומט זיך אַריין אינ'ם מענטש איז מען איבער גליקליך, אָבער נישט יעדען ערלויבט מען דאָס, איינעם צווישען טויזענט'ער פון אינז, און אין אַ זעלטענ'ם פאַל ערלויבט מען אוהם אַריין צו בעקומען זיך אינ'ם מענטש און דאָס אויך נאָר אין אַזאַ מענטש וואָס מיר האָבען צו אוהם עפּעס אַ שייכות אָדער אַ פראָטענציע, און ווען מען בעקומט זיך שוין אַריין אינ'ם מענטש, איז אויך נישט יעדער פון

איז בעקומט די ערלויבעניש צו בענוצען זיך מיט'ן כח הדבור פונ'ם מענטש, מען זאָל קענען אַרויס רעד'ען די אַלע זאַכען, דאָס איז אויך זעלטען מ'זאָל עס ערלויבען, דער מענטש וואָס האָט אַ דבוק נאָר אָן דעם כח הדבור אַזוי איז ער קראַנק און ווייסט נישט וואָס דאָז איז, און פון וואָס די קרענק איז, און ווי געוועהנליך לאָזט ער זיך אונטערזוכען ביי דאָקטוירים, פּראָפעסאָרען די דאָזיגע פּראָפעסאָרען ווייסען נישט וואָס דעם מענטש פעהלט און זיי מאַכען איבער אוהם פערשידענע עקספּערמענטען מיט שווערע אָפּעראַציאָנען, אַ סך פון זיי האַלטען די אָפּעראַציע נישט איבער, און נאָך דער דאָזיגער נישט געלינגענער אָפּעראַציע זעה'ן זיי גאָר אַליין אַן אַז זיי האָבען גאָר נישט געוויסט, און וויסען אַצינד ווייטער נישט וואָס פאַר אַ מין קרענק דאָס איז עפּעס, די דאָזיגע פּראָפעסאָרען ווייסען נישט פון דעם אַז דאָס איז גאָר אַ דבוק נאָר אָן דעם כח הדבור.—

דאָס אַלעס האָט דער דבוק אַרויס גערעד'ט, ווען מ'האָט אוהם געשטעלט די פראַגע ווי אַרום ער האָט זיך אַריין בעקומען אין דעם דאָזיגען קינד.

**אויך האָט דער** דאָזיגער דבוק איין מאָל געהאַלטען אַ פאָרטראַג איבער דער וויסענשאַפט, און געוואָלט איבער צייגען אַז די דאָזיגע וויסענשאַפט ווייסט נישט, אַזוי ברענגט ער דאַמאָלס דעם דאָזיגען אויסער געוועהנליכען פאַקט, און זאָגט — וואָס קען זאָגען די נאַרישע וויסענשאַפט צו דעם דאָזיגען ווינדער-ליכען פאַקט, לאָז זאָגען „דער אַלטער״ 1) צי זאָג איך שקר, ווען איך האָב בעקומען דעם כח הדבור, און ביי דעם קינד איז שוין בעהאַט אַוועק געגאַנגען צוויי טעג און צוויי נעכט וואָס ס'האָט נישט געשלאָפ'ן קיין איינציגע סעקונדע, אַזוי האָב איך דאַמאָלס אויס געשריגען, אַצינד וועט דאָס קינד אַנשלאָפען ווערען, און עס וועט אַזוי רוהיג שלאָפען אַ שטונדע צייט, דאָס קינד איז טאַקע באַלד גאַנץ געשמאַק אַנשלאָפען געוואָרען אַזוי ווי נאָך צוויי טעג און צוויי נעכט אום געשלאָפען, און דער נאָך פּינקט צו דער שטונדע, האָט זיך עס אויף געוועקט, ווי איך האָב פריער פאַר אויס געזאָגט, פרעגט „דעם אַלטען״ צי זאָג איך שקר, 2) אַצינד פרעג איך אייך וואָס קען זאָגען די וויסענשאַפט צו דעם דאָזיגען פאַקט, אַ קינד וואָס פון שרעקליכע שמערצען קען עס נישט שלאָפען צוויי טעג און צוויי נעכט, זאָל עס וויסען צו זאָגען פאַר זיך אַז אַצינד וועל איך אַנשלאָפען ווערען אויף אַ שטונדע צייט, און פּונקט צו דער אַרויס געזאָגטער צייט זאָל זיך עס טאַקע אויף וועקען.

און פאַר וואָס דאָס קינד האָט זיך טאַקע אויף געוועקט פּונקט צו דער צייט וואָס איך האָב פריער פאַר אויס געזאָגט, וועל איך אייך דאָ ערקלערען, — דאָס קינד האָט נישט געקענט שלאָפ'ן פון די שרעקליכע שמערצען, און כדי צו דערהאַלטען דאָס קינד ביי'ם לעבען האָט

1) דעם קינד'ס זיידע דער מוטער'ס פאָטער, אוהם פלעג דער „דבוק״ רופען „דער אַלטער״, ווען דאָס קינד פלעג קומען צו זיך אַזוי פלעג עס רופען זיידע ווי געוועהנליך.

2) דעם קינד'ס זיידע בעשטעטיגט, אַז אַזוי איז עס טאַקע געוועזען מיט דער סעקונדע.

האָט עס געמיינט כאַפּען אַ ביסעל שלאָף, אַזוי האָב איך מיך מצמצים געווען, איך בין אַ וועק פון אַלע גלידער אין בין אַריין אין נאָר איין גליד, די שמערצען האָב'ן אַזוי אַרום אָב געטרעטען פון אַלע אַנדערע גלי- דער, אַזוי איז עס טאַקי באַלד אַנשלאָפען געוואָרען, פאַר מיר איז עס אָבער געווען אום מעגליך מעהר ווי אַ שטונדע זיך צו קענען אויף האַלטען נאָר אין איין גליד, דאַפאַר האָב איך מיך ענדע דער שטונדע געמיינט צוריק פערשפרייט'ן אין אַלע גלידער, אַזוי האָט דאָס קינד נעבעך צוריק בעקומען די שרעקליכע שמערצען האָט עס זיך תיכף אויף געוועקט.—

אַצינד זאָגט אַליין, איז מען אום שטאַנד מיט דער וויסענ-שאַפט דאָס צו פערשטיין.

דער דאָזיגער „דבוק" האָט דאַמאָלס אויף גערודערט די גאַנצע אום געגענד, און אַצינד נאָך, ווען מען דער מאַנט זיך אין דעם, פיבערט עס פאַר שרעק. פון דעם סיפור זעהט מען אַז דער וואָס רעד'ט זיך אָן אַז ער איז אַ חכם, אַזוי איז ער אַ שוטה, וואָרען די גרעסטע חכמה איז, אַז מען זאָל וויסען אַז מ'ווייסט נישט, שלמה המלך ע"ה, דער גרעסטער חכם זאָגט — זאָלסט ניט זיין קיין חכם ביי דיר — 1) און אויך זאָלסט די וויסען אַז די חכמה נעמט מען זיך נישט אַליין דער וואָס איז זוכה דאַצו, דעם דאָזיגען גיט מען די אמת'ע וויסענשאַפט, 2) דוד המלך ע"ה לויבט די מענטש'ן וואָס וויסען אַז צו דער אמת'ער חכמה קען קימען נאָר דער וואָס ווייסט אַז ער איז נישט קיין חכם, 3) און אַז מען וויל עפּעס וויסען און פערשטיין מיז מען בעטען דאַרויף: 4)

## סיפור ה.

דעם רבי'נס חסידים זענען אַ מאָל געזעס'ן און געשמיסט פינ'ם רבי'ן, און צווישען זיי איז אויך געווען איינער, דעם רבי'נס אַ מקורב וואָס פלעג זיין ביי'ם רבי'ן אַ שטענדיגער בן בית אַזוי רופט ער זיך אָן צו זיי און זאָגט — איר דער ציילט ווינדער פונ'ם רבי'ן, איך וועל אייך עפּעס דער ציילען פונ'ם רבי'ן אַ זאַך, אַזוי וועט איר שטוינען, עס איז מיר אַ מאָל אויס געקומען אַז איך האָב געהאַלטען און גיין אין דער מקוה אַריין, דער וויל האָב איך אָבער געדאַרפט גיין צו'ם רבי'ן דאָרט עפּעס ערלעדיגען, אַזוי האָב איך מיך מיישב געוועזען, איך וועל פריער גיין צו'ם רבי'ן, און דער נאָך אַז איך וועל מיך דאָרט האָב'ן ערלעדיגט אַזוי וועל איך שפּעט'ר גיין אין מקוה אַריין,— איך קום אַריין צו'ם רבי'ן, זאָגט מיר דער רבי מיט די ווערטער — די האָסט דאָך געהאַלטען און גיין אין דער מקוה וואָס'זשע האָסט די דאָך עפּעס מיישב געוועזען? אַז מען האַלט און גיין אין מקוה אַריין, גייט מען און מען לייגט נישט אָב אויף שפּעט'ר.—

איך האָב אין דעם דאָזיגען פאַקט
גיט

1) משלי ג' אות ז' אל תהי' חכם בעיניך ירא את ה' וסור מרע.
2) משלי ב' אות ו' כי ה' יתן חכמה מפיו דעת ותבונה.
3) תהלים קי"ט אשרי תמימי דרך ההולכים בתורת ה', תמימי דרך ולא חומר דרך.
4) תהלים קי"ט, גל עיני ואביטה נפלאות מתורתיך.

גיט אריין געקלערט, פון וואנען זאל עפעס דער רבי וויסען אז איך האב בעדארפט צו גיין אין מקוה אריין? צו זאל איך זאגען אז דער רבי האט זיך גראדע דא עפעס געקענט מערק'ן אז איך דארף גיין אין מקוה אריין, און געזעה'ן ווי איך גיי נישט, און דאדורך האט ער מיר געזאגט, אדער אפשר זאל איך גאר זאגען אז אן א שום מערקונג ווייסט דער רבי אויך, דער רבי ווייסט מיט רוח הקודש, און דאמיט איך זאל מיר די דאזיגע זאך גיט איבער צייגען דייטליך און קלאר, דאריבער האב איך מיר בעשלאסען, איך וועל נאך א מאל פרובען, איך האב דאס שוין אזוי אב געפלאנט אויף אזא אופן, אז איך בין געוועזן גאנץ זיכער אז קיין שום בן אדם זאל אין דעם קיין שום אהנונג נישט האבען, איך קום אריין צו'ם רבי'ן, און דאס מאל שוין רופט זיך אבער אן דער רבי מיט א ביסעל הקפדה, און זאגט מיט די ווערטער, — וואס איז דאס אזוינס? איך האב שוין איינמאל געזאגט, דאס איך בין מקפיד דארויף.—

דער דאזיגער בן בית, דער ציילט אז פון דאמאלס אן האט ער שוין גאנץ גוט געוויסט, אז מען דארף גיין אין מקוה אריין, גייט מען נישט פריער צו'ם רבי'ן, נאר פריער מיז מען זיין אין מקוה און דער נאך גיין צו'ם רבי'ן.

פון דעסט וועגען, נישט ביי יעדען איז דער רבי געוועזן א אזא מקפיד, דאס איז נאר געוועזן ביי א מקורב און א שטענדיג'ן בן בית פונ'ם רבי'ן, ביי פריוואט אבער, וואס פלעג'ן קומען צו'ם רבי'ן, אט ביי די אלע פריוואט מענטשען פלעג דער רבי גאר נישט מקפיד זיין אויף דעם, ווייל דער רבי האט גאנץ גיט געוויסט אז ביי פריוואט מענטשען איז דאס נישט צו'ם אויס פירען, אזוי פלעג דער רבי יעדען פון זיי אויף נעמען מיט גרויס כבוד

---

## —— סיפור ו. ——

אינ'ם יאהר תר"ע איז געקומען פון אמעריקע א יונגער מאן מיט א קראנק'ר שוועסטער צו'ם רבי'ן. זיי שטאמען פון אונגאר'ן, ווען זייער פאטער איז געפאהר'ן קיין אמעריקא, זענען זיי נאך געוועזן קליינע קינדער, דער פאטער האט זיי דארט אויף געצויגען. פון דער דארטיגער ערציהונג אבער האבען זיי אין יודיש-קייט קיין גרויסע ידיעה נישט געהאט, איבער הויפט נאך פון א רבי'ן האב'ן זיי גאר נישט געוויסט.

ווען זייער פאטער איז געשטארבען האט דער ברידער אויס געהאלטען די פאמיליע, מיט דער קראנקער שוועסטער, און מיט דער דאזיגער קראנקער, האט עפעס אויס'ער געוועהנליכ'עס פאסירט, זי פלעג זיין תמיד פריש און געזונד, און פלעג זיך נישט בעקלאגען אויף קיין שום זאך, און פליצינג בעמערקט מען עפעס אין איר אז זי איז עפעס נישט נארמאל, אין מיט'ן דער נאכט קען זיך מאכען אז אן א פאר וואס הייבט זי אן שטארק צו לאכען, און רעד'ן פערשידענע רייד מ'פרעגט זי צו וועמען איז עפעס געוועזן דאס רעד'ן מיט'ן לאכען? .... זי ענפערט דארויף, זאן דער ציילט עפעס אויסער געוועגליכ'עס — איך האב מיך דא נישט לאנג בעקאנט - געמאכט מיט עפעס א הער, דער דאזיגער הער האט

אויס געזועה'ן עלעגאַנט און איז געגאַנגען זייער רייך געקליידעט אַזוי ווי אַ מאָנאַרך, ער האָט מיר פּאָר געשטעלט זיין פּערמעגען, און לויט ווי די דאָזיגע פאָרשטעלונג האָב איך גערעכענט אַז ער איז אַ מאַגנאַט, מיר האָבּ'ן זיך אַזוי עטליכע מאָל בּעגעגענט, בּיז איין מאָל אין אָ מיט'ן אַ געשפּרעך אַזוי שלאָגט ער מיר פאָר, מיט אוהם צו הייראַט'ן און בּיי דעם שטעלט ער מיר פאָר ווי גליקליך איך וואָלט בּיי אוהם געוועזן, איך פון מיין זייט ווידער בּין זייער איבּער-ראַשט געוואָרען פון דעם דאָזיגען גליק, צו ווערען די פרוי פון אַזאַ מאַגנאַט, איך האָבּ מיך געשעצט גליקליך און אוהם טאַקע בּאַלד איינגעוויליגט דאַרויף, און נאָך דעם דאָזיגען פּאַקט, ווי איך האָבּ אוהם געגעבּען מיין וואָרט, אַזוי קימט ער שוין פון דאַמאָלס אָן דאָ אַהער צו מיר, און וואוינט מיט מיר, *) איך שפּיר מיך אַלע מאָל אַלץ שוואַכער דאָרך דעם דאָזיגען, און קען מיר אָבּער גאָר נישט העלפען דאַצו, איך האָבּ אוהם געגעבּען מיין וואָרט, און פערפאַלען — — —

דער בּרידער מיט דער פאַמיליע זיי זעה'ן אַז זי גייט צו-גרונט, זי ווערט אַלע מאָל שוואכער, אַזוי גייט מען מיט איר צו'ם דאָקטער, און מען דער ציילט אוהם, אַז איר שוועכע שטאַמט פון דעם דאָזיגען. דער דאָקטער לאַכט אָבּער דאַפון, און זאָגט, אז דאָס איז אַזאַ נערווע'ן שוועכע, מיט אַן איינבּילדונג, דער דאָקטער האָט געגעבּען פערשידענע מיטל'ן דאַצו, אָבּער אָן שום ערפאָלג, די קראַנקע האַלט און שרייען, ער קומט אַלע מאָל. איר זעהט נישט, אָבּער איך זעה אוהם, און שפּיר אוהם גאַנץ גיט. פון קיין רבּי'ן האָבּ'ן זיי נישט געוויסט, זיי האָבּ'ן נאָר געוויסט, אַז ווען דער דאָקטער פון זייער שטעטעל קען נישט העלפּ'ן, וועט דער גרויס'ר דאָקטער, אין דער גרויס'ר שטאָט יאָ העלפען. אַזוי זענען זיי טאַקי אַריין געפאָהר'ן קיין נוי יאָרק, צו אַ גרויס'ן נערווע'ן דאָקטער, און אוהם דער ציילט די אורזאַכע פון איר שוועכע. דער דאָזיגער גרויס'ר דאָקטער האָט זיך שטאַרק אויס געלאַכט דאַפון און געזאָגט, וואָס פאַלט אייך עפּעס אַן צו רעד'ן אַזאָליכע נאַריש-קייט'ן פון אַלדע-רוחות גאָר? היינט איז נישט דאָ קיין רוחות. דער דאָזיגער דאָקטער, האָט אויך געגעבּ'ן זיינע מיטל'ן, אבּער אָן שום ערפאָלג.

די פאַמיליע ווידער, און די בּעקאַנטע פון דער קראַנקער האָבּ'ן דאָס נישט געקענט בּעגרייפען, און געפרעגט ווי קען דאָס זיין, אַז אַ מענטש וואָס איז בּיי'ם פאָלען פער שטאַנד, זי רעד'ט יעדע זאַך בּעשיידען און קלוג, ווי יעדער מענטש, אַזוי זאָל די דאָזיגע



*) עיין כעין זה בגיטין ס"ח ע"ב, קא תבע להו בנודותיי' וכו'. ועל הכתוב, ושכב איש אותה וכו' (במדבר ה – י"ג,) כתב רש"י ז"ל, איש פרט לקטן ומי שאינו איש. ובתשובת מהר"ם מלובלין סימן קט"ו וזה לשונו. על המעשה זר ותמוה, שבא לידך אודות אשה אשת איש שנבעלה ל„רוח". ובתחלה בא כדמות בעלה, ואחר"כ כדמות שד. ושאלתך אם נאסרה לבעלה וכו' ומסיים שם הר"ם מלובלין, שמתרת לבעלה, כי באישות תלי' רחמנא, כי בתורה כת' ושכב איש אותה; פרט למי שאינו „איש" וכו' והנה „רוח" לא מקרא איש, ע"כ מותרת לבעלה עכ"ל תשובת מהר"ם מלובלין ע"ש.

שטענדיג האַלט׳ן אין איין שרייען אייִנ׳ס און דאָס זעלבע *) זי זעהט אוהם, זי שפירט אוהם? דאַדורך טאַקי איז נישט צו׳ם גלייבען דאָס וואָס די דאָקטוירים ווילען עפעס אַן רעד׳ן פון אַ איינביל-דונג, וויל דאָ זעהט מען אַ אויס׳ער געוועהנליך אומ-נאַטור-ליכע זאַך, וואָס די ערצטע האָב׳ן אין דעם קיין שום בעגריף נישט.

איינעגע פון די דאָזיגע נוי יאָרק׳ר בעקאַנטע, זאָג׳ן דעם ברידער אַז די ווילסט טאַקי ערענסט אַרויס ראַטעווען זי פונ׳ם דאָזיגען אומ-גליק, זאָלסט די מיט איר פאָהר׳ן קיין סאַ-סיב צו׳ם רבי׳ן, דער סאַסיב׳ר רבי איז אַ גרויס׳ר פועל ישועות, און דאָרט׳ן וועט זי זיכער האָב׳ן אַ רפואה. זיי זענען פון נוי יאָרק צוריק אַ היים גע-פאָהרען, און ווען זיי האָב׳ן געזעהן אַז פון טאָג צו טאָג ווערט זי שוואַכער אַזוי האָב׳ן זיי זיך שוין געמאַכט רייזע פערטיג, צו פאָהר׳ן קיין סאַסיב צו׳ם רבי׳ן, זיי זענען געקומען קיין סאַסיב דער רבי נעמט איר קוויט׳ל צו׳ם ליי-נען, און ער פערטיעפט זיך אין זיינע געדאַנקען, און אין דעם דאָזיגען מאָ-מענט, הייבט די קראַנקע אָן צו לאַכען און רעד׳ן איר׳ע רייד, דער רבי אָבער ווען ער דער הערט דאָס, אַזוי גיט ער אַ קלאַפּ אין טיש, און טוט אַ געשריי מיט די ווערטער — ביי מיר אין שטיב?— און ביי די דאָזיגע געציילט׳ע ווערט׳ר פונ׳ם רבי׳ן דער קענט מען ווי די קראַנקע ווערט עפעס ווי אַ אנדערער מענטש, זי בלייבט תיכף שטיל, און קוקט זיך אַרום אַזוי ווי איינער וועקט זיך עפעס אויף פונ׳ם מיט׳ן שלאָף, דער רבי איז נאָך דעם דאָזיגען, געזו׳צען נאָך עטליכע מינוט, און געבענטשט די קראַנקע, און רופט זיך אָן דער נאָך צו זיי מיט די ווערט׳ר — פאָהרט׳ס אַ היים לחיים ולשלום, איר דאַרפט מעהר נישט זיצען דאָ, איר קענט שוין אַ היים פאָהר׳ן.— דער ברידער אָבער, זאָגט צו׳ם רבי׳ן, מיר קימען פון אַזוי ווייט זאָלל׳ן מיר גאָר שוין צוריק פאָהר׳ן, און נישט זיין ביים רבי׳ן, כאָטש נאָך אַ פּאָר טאָג? דער רבי ענ-פערט אוהם דאַרויף, אַז מ׳קימט פון ווייט איז די ישועה נאָהנט. איר קענט שוין צוריק פאָהר׳ן, און ביי דעם רופט אוהם דער רבי צו, און זאָגט אוהם, מיט די ווערטער — זאָלסט זאָגען דער שוועסטער, טאָמער פריווט ער קומען נאָך אַ מאָל צו איר, זאָל זי אוהם זאָ-גען דער סאַסיב׳ער האָט מיר נישט גע-הייסען זיך צו רירען צו דיר, און טאָמער פרעגט ער זי, ווי אַזוי הייסט דער סאַסיב׳ער, זאָל זי אוהם זאָג׳ן, —שלמה בן פריידא.— איר וועט נאָך היינט נעכטיגען דאָ אין סאַסיב, און מאָרגען איר״ה, קענט איר שוין צוריק אַ היים פאָהרען, דעם אַנדער׳ן טאָג אין דער פריא, קימט דער ברידער פון דער סטאַנציע, און דער ציילט דעם עולם מיט אַ שמחה און זאָגט, איך זעה, אַז מיר זענען געהאָלפען, די שוועסטער איז גענצליך געזונד, דיזע נאַכט איז זי געשלאָפען גאַנץ רוהיג, און איז אויף געשטאַנען, זעהר פריש און אויף געמונטערט, זי זאָגט מיר, איך זעה אַצינד אַז דאָס שלעכטע האָט אָב געטרעט׳ן. זיי זענען אַ היים געפאָהָ-רען טאַקי מיט דער גאַנצער רפואה זי האָט

*) כמו בגיטין ס״ח ע״ב, כי מטא גבי סנהדרין, אמרי רבנן מכדי „שוטה״ בחדא מילתא לא סרי״ן וכו׳.

נאָך געהייראַט, געפירט אַ לעבּ'ן, און געהאַט קינדער, און איז געוועזן געזונד ווי יעדער מענטש:

---

## —— סיפּור ז. ——

אינ'ם יאָהר תרנ"ה, האָט מען דאַמאָלס פערבעט'ן דעם רבּי'ן קיין באָריסלאַב אויף אַ שבּת, דער רבּי איז דאַמאָלס טאַקי גפאָהר'ן קיין באָריסלאַב און געהאַט די סטאַנציע בּיי הר' ישראל בּרונינגראבער, און נאָך איידער דער רבּי איז צו געקומען' צו דער סטאַנציע, אַזוי איז שוין דעם ר' ישראל'ס הויז געוועזן ארום בּ'לאַגער'ט מיט אַ גרויס'ן עולם, דער עולם איז געקומען שלום נעמען בּיי'ם רבּי'ן, דער רבּי איז צו געפאָהרען צו ר' ישראל'ן און אַריין געגאַנגען אין זיין צימער אַ ריין, און געוואָלט אָן הייבּ'ן אַריין צו לאָז'ן דעם עולם צו'ם „שלום" נעמען, מען האָט אָבּער געזעה'ן אַז דאָס איז אום-מעגליך, מ'האָט פשוט מורא געהאַט פַאר אַ געפאַהר דאָרך דעם גרויסען געדרענג, אַזוי האָט מען געפונען אַ עצה דאַרויף, פאַר'ן פענסטער פונ'ם רבּי'נס צימער, איז דאָרט געוועזן אַ גרויס'ר פרייער פלאַטץ, דער גאַנצער עולם האָט זיך אַזוי אַרום אויס געשטעלט אויף דעם דאָזיגען פלאַטץ, מ'האָט געעפענט דאָס פענצט'ר, דער רבּי האָט זיך אַנידער גישטעלט נעבען פענצטער און אַזוי בּיי'ם אָפענ'ם פענצטער אָן געהויבּ'ן „שלום" געבּען, און אינ'ם מיט'ן שלום געבּען בּלייבּט אָבּער דער רבּי שטיין און זאָגט — איך וועל אַצינד קיינ'ם נישט, קיין שלום געבּען בּיז מ'וועט פריער נישט צו לאָז'ן דעם דאָזיגען יונג'ן מאַן וואָס שטייט דאָ אויפ'ן פלאַטץ פון דער ווייט'נס אַ קעגען מיר כל זמן מ'לאָזט אוהם נישט צו אַהער, אַזוי וועל איך קיינ'ם נישט געבּ'ן די האַנד—

גאָכ'ן רבּי'נס דאָזיגע ווערט'ר האָט זיך דער גאַנצער עולם צוריק געצויגען און געמאַכט פלאַטץ פאַר'ן יונגען מאַן, און ווען דער דאָזיגער קימט צו צו'ם רבּי'ן, בּלייבּט שטיין דער גאַנצער עולם זייער פערווינדערט, ווייל אַנשטאַט דעם, ווי צו געבּען אוהם די האַנד, און אוהם לאָז'ן ווייט'ר גיין אָן שום שאלות ווי געוועהנליך דער שטייגער איז בּיי'ם שלום געבּ'ן, אַזוי זעהט מען עפּעס אַצינד גאַנץ אַנדערש דער רבּי שטעלט זיך גאָר אַנידער בּענטשען דעם יונגען מאַן אויף זיין שטייגער, אַזוי ווי בּיי אַ קוויטעל פראַווען, און אין מיט'ן בּענטש'ן גיט אוהם דער רבּי אַ פרעג — די זעה'סט נאָך? — דער יונגער מאַן ענפערט מיט אַ ג'וויין — איך זעה נאָך — אַזוי הייבּט אוהם אָן דער רבּי נאָך אַ מאָל צו בּענטש'ן דער גאַנצער עולם שטייט מ'ווייסט נישט אין וואָס דאָ האַנדעלט זיך עפּעס, דער רבּי שטייט אַזוי פערטיעפט אין זיינע געדאַנקען, אין דעם טוט זיך דער יונגער מאַן אַ רוף אָן צו'ם רבּי'ן מיט גרויס פרייד און זאָגט — הייליגער רבּי איך זעה שוין נישט קיין שום שלעכט'ס — דער רבּי גיט אוהם שלום, און נאָך אוהם גייט שוין צו דער איבּריג'ער עולם צו'ם שלום נעמען. שפּעט'ר דער דער ציילט דער יונגער מאַן די ווינדערליכע פּאַסירונג וואָס מיט אוהם האָט פּאַסירט אין זאָגט — איר ווינדערט אייך פאַר וואָס בּיי'ם שלום נעמען האָט דער רבּי בּיי מיר געמאַכט אַ אויסנאַהם אַזוי וועל איך אייך דערציילען פאַר

וואָס, דאָ נישט לאַנג האָב איך געדינ-
גען ביי׳ם גראַף אַ וואַסער מוהל, מ׳קען
נישט זאָגען דאָס געשעפט פיר זיך איז
גאַנץ נישט קשה-דיג, ס׳טראָגט פרנסה
וואָס האָב איך אָבער דאָפון זייט אַ
פּאָר וואָכען זענען די צרות זייער גרויס
צוריק מיט אַ פּאָר וואָכען שטיי איך
אַזוי אין דער מוהל באַנאַכט און גיי אַ
ביסעל אַרויס נעבּ׳ן דער טיער, אַזוי
בעמערק איך ווי ס׳גייען דאָרך צוויי
פרויען זייער עלעגאַנט געקליידעט. און
ס׳האָט עפּעס אויס געזעה׳ן ווי דעם
גראַפ׳ס טעכטער די דאָזיגע זאַך איז
מיר פּאָר געקומען זייער פערדעכטיג
וואָס פאַר אַ אינטערעס האָבּ׳ן זיי עפּעס
דאָ צוּ גיין שפּעט אין דער נאַכט אַזוי
ווייט אינטער׳ן דאָרף, איך בין געוואָ-
רען זייער נייגעריג דאַרויף, און גע-
זאָגט איך מיז זיי נאָך שפּיאַנירען, איך
בין שנעל נאָך געגאַנגען און וואָס שנע-
לער איך בין געגאַנגען, זענען זיי
שנעלער אַוועק ביז איך בין אַזוי אַוועק
אַ היבש שטיק וועג׳ס, מעהר אויספיר-
ליך איז נישט צו׳ם דערציילען, ס׳איז
גענוג אַז וועל אייך דער ציילען בקיצר
בלויז דאָס, אַז פון דאַמאָלס אָן האָבּ׳ן
זיי זיך באַהעפט, און פלעג זיי זעה׳ן
אַלע מאָל, איך האָב געשפּירט אַז כ׳גיי
צוּ גרונט, און איך האָב מיך אפילו גע-
שעהמט צו דערצייל׳ן פונ׳ם דאָזיגען
אומגליק. געה דערצייל יענעם אַזאַ זאַך
אַז ס׳האָבּ׳ן זיך פליצינג אָן געטשעפּעט
צוויי „קליפּות״ אָדער „רוחות״, יעדער
וועט זאָגען אַז ס׳איז אַ נאַריש-קייט צו
גלייב׳ן אַז ס׳איז היינט דאָ „קליפּות״
און מ׳וועט מיך האַלט׳ן פאַר משיגע.
אין דעם ווער איך געוואויר אַז דער
סאַסיב׳ר רבי קומט קיין באָריסלאַב
אויף שבת, מען לויבט אוהם פאַר אַ
גרויס׳ן פועל ישועות, און מען דער-
ציילט פון אוהם וווּנדער-ליכע זאַכען,
אַזוי בין איך טאַקי באַלד אַריין געקו-
מען קיין באָריסלאַב, און צו געגאַנגען
גלייך צו׳ם רבי׳נס סטאַנציע, דאָרך דעם
גרויס׳ן עולם, אָבער וואָס איז דאָרט
געשטאַנען האָב איך מיך געשטעלט פון
דער ווייט׳נס אויף אַ בערג׳ל, פינקט אַ
קעגען רבי׳נס פענצטער און געזעה׳ן
ווי דער עולם נעמט שלום ביי׳ם רבי׳ן,
איך האָב גערעכענט ווען דער עולם
וועט האָבּ׳ן דאָרך געגאַנגען וועל איך
דאַמאָלס צו גיין נעמען שלום ביי״ם
רבי׳ן, איך שטיי און וואַרט, און וואָלט
שוין געוואָלט זעה׳ן דעם עולם דאָרך
געגאַנגען. די דאָזיגע צוויי „קליפּות״,
אַזוי ווי אין דער היים, אַזוי אויך דאָ
אויפ׳ן פּלאַטץ טרעט׳ן זיי נישט אָב,
ווען דער רבי האָט געגעבען דעם באַ-
פעהל מ׳זאָל מיר מאַכען פּלאַטץ, אַזוי
האָב איך שוין באַלד פערשטאַנען אַז
דער רבי זעהט וואָס ס׳טוט זיך אַרום
מיר. דער גאַנצער עולם האָט זיך גע-
ווּנדערט דאַרויף — איך אָבער האָב
נעבען גאַנץ גיט געוויסט אין וואָס עס
האַנדעלט זיך, איך בין צו געקומען נע-
בען רבי׳נס פענצטער, די „קליפּות״
טרעט׳ן נישט אָב, און דאַדורך טאַקי
ווען דער רבי האָט מיך געפרעגט
זעה׳סט נאָך? האָב איך אוהם געענפערט
— איך זעה נאָך — דער נאָך אָבער ווען
דער רבי האָט מיך נאָך אַמאָל אָן גע-
הויבען צו בענטשען, אַזוי זענען זיי
שוין דאַמאָלס גענצליך פער-שווינדען
געוואָרען:

---

## ——— סיפור ח. ———

אינ׳ם יאָהר תר״ס איז הר׳ יצחק
מענקיס

מענקיס פון קאָזלאָוו 1) קראַנק געוואָרען אויף די אויגען, ס'איז אוהם אַלע מאָל ערגער געוואָרען ביז ער האָט גענצליך אויף געהערט צו זעה'ן, דער ר' יצחק איז געוועזן ביי עטליכע דאָקטוירים אָבער אָן שום ערפאָלג, דער ר' יצחק האָט זיך מיישב געוועזן און אַ ריבער געפאָהר'ן צו'ם רבי'ן, דער רבי האָט אוהם געהייסען אַנידער זעצען נעבען זיך געהאַלט'ן זיין האַנד אויף ר' יצחק'ס אויגען און אוהם געבענטשט דער רבי נעמט אַ סידור מאַכט עס אויף און הייסט אוהם לעז'ן אינ'ם סידור, דער ר' יצחק האָט באַלד דערשפירט אַז ס'איז אוהם לעכטיג געוואָרען פאַר די אויג'ן אַזוי אַז ער האָט אינ'ם סידור געלעזען גלייך ווי יעדער געזונטער מענטש, און פון דאַמאָלס אָן זעה'ט ער ב"ה.

דער ר' יצחק דערציילט אַז פאַר דעם איידער ער איז געוועזן ביים רבי'ן איז געוועזן אַזוי ווי ס'זאָל אוהם האָב'ן עמיצער אַנידער געשטעלט עפּעס אַ וואַנד פאַר די אויגען, און אַזוי ווי אָבער נאָר ווען דער רבי האָט אוהם אַרויף געלייגט די האַנד אויף די אויגען און אוהם געבענטש'ט אַזוי האָט ער באַלד דער שפירט אַז די דאָזיגע וואַנד איז פערשווינד'ן און איז טאַקי באַלד געזונד געוואָרען:

---

## —— סיפור ט. ——

אינ'ם יאָהר תרס"ד איז די פרוי פון הר' בעריש צוקערקאַנדעל אין סאַסיב 2) זייער געפעהרליך קראַנק געוועזן און זי האָט גאָר נישט געקענט שלאָפען, עקסטרע דעם היימישען דאָקט'ר, האָט מען גענוטצט דעם זלאָטשיב'ר דאָקטער אויך, און די דאָזיגע דאָקטוירים האָב'ן אַלעס אַן געווענד, אָבער אָן ערפאָלג. דער ר' בעריש גייט אַריין צו'ם רבי'ן מיט אַ פערביטערט'ט האַרץ, און דער ציילט אוהם אַז ס'איז זייער שלעכט און ביי דעם ווייִנט ער זייער פאַר'ן רבי'ן, דער רבי רופט זיך אָן צו אוהם מיט די ווערט'ר — ברענג מיר אַריין אין אַ פלעשאל'ע אַ ביסעל ווייִן און אויך אַקלעצ'לי צוקער, וועל איך עס דיר אָב בענטש'ן — ר' בעריש האָט דאָס תיכף אַריין געברענגט, דער רבי נעמט עס אין דער האַנד אַריין, און זיצט אַזוי פערטראַכט אַ פאָר מינוט און רופט זיך אָן דער נאָך צו ר' בעריש'ן מיט די ווערט'ר — דאָס קלעצ'לי צוקער זאָלסט די צורייב'ן אויף פיער חלקים, יעדער הלק אין אַ עקסטער פאַפיר'ל און דאָס גיב איר איין בייַ'ם שלאָפען, זאָלסט איר פריוו'ן געבען לע"ע נאָר איין פראָשיק, און אַז פונ'ם ערשט'ן פראָשיק וועט זי נישט אַנשלאָפען ווער'ן, אַזוי זאָלסט די געבען דעם אַנדער'ן אונ'ם דריט'ן, ביז זי וועט אַנשלאָפען ווער'ן, און ווען זי וועט זיך אויף וועק'ן פינ'ם שלאָף זאָלסט'ע איר געב'ן אַ ביסעל'ע פונ'ם געבענטשט'ן ווייִן געמישט מיט וואַסער, איין הלק ווייִן אין דריי חלקים וואַסער — דער ר' בעריש איז אַ היים געגאַנגען און אַזוי ווי נאָר ער האָט איר איין געגעבען דאָס ערשט'ע פראָשיק'ל פונ'ם געבענטשט'ן צוקער, אַזוי איז אויף דער פרוי געקומען אַ שוויס און זי איז באַלד אַנ-שלאָפען געוואָרען, דאָס איז געוועזן

---

1) אַ צינד וואוינט ער אין ברוקלין וואַשינגטאן עווני 661.

2) ער וואוינט אַ צינד אין ברוקלין 1931. בורגען סט.

גפוועון זייגער זיעבען באנאכט, די פרוי איז זיך אזוי רוהיג גשלאפען ביז זייגער צוויי, דאמאלס ערשט האט זי זיך אויף געכאפט פונ'ם שלאף אזוי האט איר ר' בעריש געגעבען דעם ווין געמישט מיט'ן וואסער, אזוי ווי דער רבי האט געהייסען, און מ'האט געזעה'ן אז פון מינוט צו מינוט גייט איר בעסער און אין א קורצער צייט טאקי איז זי געווארען פאלקאם געזונד ווי יעדער מענטש.

די פרוי האט דער ציילט אז נאך דעם ווי זי האט איין גענימען דעם ערשט'ן פראשיק פונ'ם געבענטשטען צוקער אזוי האט זי געשפירט ווי פייער-דיגע פינקען פאר די אויגען, און באלד איז אויף איר געקומען א געשמאקער שלאף.

דער זלאטשיב'ר דאקטער וואס האט זי קורירט, און פלעג איר געבען צו'ם שלאפען שטארקע „מארפיום" פראשקעס, אבער אן שום ערפאלג, ווען דער דאזיגער דאקטער האט געזעה'ן אז דעם רבי'נס ערשטער פראשיק פונ'ם געבענטשט'ן צוקער, האט אזוי גיט אויס קורירט, אזוי האט ער דאמאלס געוויסט אז ער ווייסט נישט

פאר אזאליכע קראנקע, וואס קענען נישט שלאפען פלעג דער רבי אב בענטשען א שטיקעל צוקער, און געהייסען מאכען דאפון פיער פראשיקליך, און דאס האט געהאלפען בעסער ווי די טייער'סטי אפטייק פראשק'עס:

## —— סיפור י. ——

הר' יושיע לאנדא אין לעמבערג קאטלארסקא 3. זיין פרוי איז געווען שטארק קראנק, אויף די פיס און נישט געקענט גיין קיין שריט, מ'האט זי געמיזט טראגען, ער האט גניצט דאקטוירים פראפעסארען אבער אן שום ערפאלג, און נאך דעם ווי ער האט געזעה'ן אז די לעמבערגער פראפעסאר'ן העלפען גאר נישט אזוי האט ער באשלאסען מיט איר צו פאהר'ן קיין וויען מיט דעם בטחון אז א ווינער פראפעסאר וועט אפשר יא עפעס העלפ'ן עטליכע מענטש'ן האב'ן זי געמיזט א ראב טראגען פונ'ם קאלעס אויף דער באהן ארויף, און פון לעמבערג ביז וויען האט דער ר' יושיע באצאהלט א דאקטער, אז דער דאקטער זאל מיט פאהרען קיין וויען, מ'איז געקומען קיין וויען און מ'האט דארט גניצט דאקטוירים פראפעסארען, און עס האט אב געקאסט א פערמעגען אבער אויך אן שום ערפאלג, ער איז מיט איר צוריק געקומען פון וויען, אויף דעם זעלב'ן שטייגער ווי פריער, עטליכע מענטש'ן האב'ן זי געמיזט אראב טראגען פון דער באהן צו'ם קאלעס, און מען זעהט נישט קיין שום הילף פאר איר, די גרויסע שפעזען וואס מען האט פערשווענדעט אין וויען ביי די וויענ'ר פראפעסארען איז אויך געווען גענצליך וועהרטלאז. אין דעם מאכט זיך גראדע דאמאלס ווען מ'איז צוריק געקומען פון וויען, אזוי הערט מען אז דער סאסיב'ר רבי קומט קיין לעמבערג, דער ר' יושיע ניצט אויס די געלעגענהייט ער פאהרט צו דער באהן אב-האלען דעם רבי'ן, און ווען דער רבי קומט אן, אזוי גייט ער צו צו'ם רבי'ן און זאגט — נאך וואס זאל דער רבי אויס געבען אמויסט'יגע שפעזען אויף טאגציע געלד, איך בעזיץ ב"ה גרויסארטיגע צימערען, און וואלט זייער געוואלט

האב'ן

האָב'ן דעם כבוד אַז דער רבי זאָל צו פאָהרען צו מיר, און ביי מיר האָב'ן די סטאַנציע. דער רבי וועט ביי מיר אַ סך מעהר צו פרידען זיין ווי אין'ם האָטעל, און וועט זיך דאָביי אויך איין ברענגען סטאַנציע געלד — דער רבי האָט מסכים געווען דאַרויף און ס'האָט בצהייסען אַז מ'פאָהרט אויף סטאַנציע צו ר' יושיע לאַנדאַ, ווען דער ר' יושיע האט געהערט פונ'ם רבי'ן אַז ער וויליגט איין צו זיין ביי אוהם אויף סטאַנציע אזוי איז ער געווען איבער גליקליך, און זאָגט צו'ם רבי'ן — איך האָף אַז דער רבי וועט האָב'ן סטאַנציע ביי מיר, אַזוי וועט מיר דער רבי גע- בען אַ ברכה, און מיין פרוי וועט האָב'ן אַ רפואה — דער רבי אָבער בלייבט שטיין און ענפערט אוהם דאַרויף מיט די ווערט'ר — מען דאַרף טיען אַ יוד אַ טובה מיט'ן גאַנצען לעבען! אָבער צו פאָהר'ן צו אייך אויף סטאַנציע, דאָס קען איך שוין אַצינד נישט בשום אופן ווייל טאָמער ווערט איר חלילא נישט בעסער 1) אַזוי וועט ח"ו זיין אַ ח"ה.—

דער רבי איז שוין טאָקי נישט צו געפאָהר'ן צו ר' יושיע'ן, נאָר גלייך צו געפאָהר'ן צו'ם האָטעל. ר' יושיע איז צו געפאָהר'ן מיט דער קראַנקער פרוי צו'ם רבי'נס סטאַנציע, עטליכע מענטש'ן טראָג'ן זי אריין אין רבי'נס פראַווע שטיב דאָרט ווי דער רבי געזעגענט דעם עולם, דער רבי נעמט איר קוויט'ל לייגט עס דאָרך, און מען זעהט באַלד ווינדער עס איז איר תיכף אויפ'ן אָרט גיט געוואָרען. דער ר' יושיע פאַר גרויס שמחה, און איבער-ראַשונג נעמט ער אַרויס אַגאַנצען הונדערטער און, דער לייגט צו - צו'ם פריערינגען פדיון, דער רבי אָבער גיט אוהם דעם הונדערט'ר צוריק, און וויל בשום אופן נישט נעה- מען, ער זאָגט צו ר' יושיע'ן מיט די ווערטער — פאַר'ן בענטש'ן נעהם איך אַ פדיון, אָבער נאָכ'ן בענטש'ן נעהם איך נישט מעהר — דער רבי דריקט זיך דאַמאָלס אויס מיט אַ וויץ און זאָגט — איך נעהם נישט מעהר, ווייל ס'איז מעהר נישט ווערט — דער ר' יושיע מיז דעם הונדערט'ר צוריק נעהמ'ן און דער רבי הייסט איהם נאָר מאַכ'ן אַ סעודת מלוה מלכה, ר' יושיע פאָלגט ער בערייט פאַר אַ גרויסע סעודת מלוה מלכה, און זיין פרוי האָט אליין בעדינט די געסט, און דער לאַנגט צו'ם טיש ווי יעדער געזינטער מענטש.

אין עטליכע יאָהר שפּעט'ר ווען ס'איז אויס געבראָכען די וועלט שלאַכט אַזוי איז דער רבי מיט זיין גאַנצער פאַמיליע געקומען קיין לעמבערג, דער ר' יושיע האָט אין לעמבערג אין דער קאָטלאַרסקא גאַס עטליכע הייזער אַזוי האָט ער אין זיינע הייזער, פאַר'ן רבי'ן און פאַר אַלע זיינע קינדער אויס גע- קליבען גיטע וואָהנונגען, און אַזוי אַ רום איז דעם רבי'נס וואָרט וואָס ער האָט דאַמאָלס איינגעוויליגט צו זיין ביי אוהם אויף סטאַנציע, איז עס דאַמאָלס מקוים געוואָרען:

## —— סיפור יא. ——

אין יאָהר תרע"ב, צווי יאָהר פאַר'ן אויס ברוך פון דער וועלט שלאַכט אזוי האָט מען שוין דאַמאָלס אויך שטאַרק געוועד'ט

1) וואָרען נישט תמיד איז אַ „עת רצון" מען זאָל קענען פועל'ן פאַר'ן קראַנק'נס וועגען אַ רפואה.

גערעד'ט פון מלחמה, און ס'האָט גע-
הייסען ווי זיכער אַז עסטרייך מיט
סערביען און רוסלאַנד גייען פירען
מלחמה, און אַז ס'וועט פון דעם אויס
ברעכען אַ וועלט מלחמה, אַלע צייטונ-
גען דאַמאָלס האָבען דאָס בעשטעטיגט
אַז צו דער גרויסער וועלט מלחמה איז
נאָר אַ פּאָר געציילטע טעג, די לאַנד
שטורמיסטען פון דער מיליטער פליכט
האָבען שוין געהאַט ערהאַלטען די איינ-
בערופונגס קאַרטען, אזוי זענען דאמאלס
געקומען צו'ם רבי'ן הונדערטער מענ-
טשען פרעגען עצות, בפרט נאָך די יע-
ניגע וואָס וואוינען נאָהנט צו דער
רוסישער גרעניץ, אדער האָבען דאָרט'ן
געשעפטען ביי דער גרעניץ, די דאָזיגע
האָבען געציטערט פאַר שרעק, וואָר'ן
ביי אַ מלחמה זענען זיי דאָך די ערשטע
ביי'ם פייער אַזוי האָבען זיי געוואָלט
ליקווידירען די פערמעגענס און צו זאַ-
מען נעמען אַ ביסעל מזומן כדי מ'זאָל
כאָטש האָבען מיט וואָס צו אַנטלויפען
דער רבי אָבער האָט יעדען איינ'ם דאַ-
מאָלס געענטפערט מיט אַ שמייכעל
מ'דאַרף נישט ליקווידירען די געשעפט'ן
מדאַרף נישט אַנטלויפען, ווייל מ'גייט
זיך נאָך נישט שלאָגען אַזוי גיך.

ר' הערציל שנעפף אַ בעל הבית
אין סאַסיב, ער איז געווען אַ לאַנד-
שטורמיסט, און איז געקומען צו'ם רבי'ן
און אוהם געפרעגט — וואָס טוט מען
די מלחמה איז שוין כמעט זיכער, אפשר
וואָלט איך אַנטלאָפען? דער רבי ענ-
טפערט אוהם שרעק דיך נישט, מ'גייט
זיך נאָך נישט שלאָגען, בעדאַרפסט
נישט אַנטלויפען, און אין עטליכע טעג
דער נאָך איז שוין געווען אין אַלע
צייטונגען פערעפענט אַז אויף דעם זאַן
אין דעם דאַטום איז שוין בעשטעטיגט
געוואָרען אַז די שלאַכט פאַנגט זיכער
אָן. דער ר' הערציל שנעפף קומט צו
לויפען צו'ם רבי'ן און זאָגט אַצינד
רבי איז שוין נישט דאָ קיין ברירה אַ
צינד מיז איך שוין אַנטלויפען, אויף
דעם ענטפערט שוין דער רבי מיט די
ווערטער — נו! אַז האָסט מורא פאָהר אַ
וועק, אָבער נאָר ביז זלאָטשוב, אין
זלאָטשוב זאָלסט די וואַרטען ביז מאָר-
גען — ר' הערציל האָט אַזוי געטיען ער
איז געפאָהרען נאָר ביז זלאָטשוב, און
דאָרט געוואַרט, אַזוי ווי דער רבי האָט
אוהם געהייסען, אין דעם אַנדערען טאָג
אין דער פרי איז אָן געקומען אַ צייט-
טונגס בעריכט אַז ס'איז געשלאָסען גע-
וואָרען שלום.

דאָס אַלעס איז געווען אינ'ם
יאָהר תרע"ב צוויי יאָהר פאַר דער
וועלט מלחמה, דער נאָך שפעטער אינ'ם
יאָהר תרע"ד ווען מען האָט אָן געהויי-
בען צו רעדען פון שלאַכט, דאַמאָלס
האָט זיך דער רבי שוין שטאַרק גערעכט
אויף מלחמה. שבת ביי'ם שלש סעודות
האָט ער געזאָגט תורה און זייער גע-
וויינט, ער האָט דאַמאָלס ביי דער תורה
געזאָגט מיט די ווערטער — ס'איז אַ
גרויס חשכות אויף דער וועלט, די
וועלט ווערט נעבעך אַצינד וואָס אַ מאָל
מעהר פינצטער'ר — און האָט זייער גע-
וויינט, אַזוי האָט שוין יעדער געזעהן
אַז דער רבי רעכט זיך אויף מלחמה,
און ס'איז גאַנץ אַנדערש פונ'ם יאָהר
תרע"ב:

## סיפור יב.

די מענטשען וואָס זענען שוין גע-
ווען גיט בעקאַנט אינ'ם [illegible] האָבען
געוויסט גאַנץ גיט אַז דעם רבי'ן טאָר
מען

מען נישט אָב פרעגען, און נישט איבער שפּאַרען, נאָר אַזוי ווי ער זאָגט אַזוי מיז מען טיען זיי האָבען געוויסט אַז מען פרעגט איבער דעם רבי'ן, און מען זאָגט אוהם —רבי אפשר וואָלט איך געטיצן אַנדערש — אַזוי קימט קיין מאָל נישט גיט אויס, מ'האָט נאָר בעדאַרפט גיט אויס הערען דעם רבי'נס רייד און אָן שום אָב פרעג'עכטץ טיען אַזוי ווי דער רבי זאָגט. צו מאַנכע קראַנקע פלעג דער רבי אַ מאָל זאָגען — די געהערסט צו אַ דאָקטער *) עס איז אַ שאָד זאָלסט דאָ זיטצען אמזיסט און אויס ברענגען אַמזיסטיגע הוצאות — און צו מאַנכע קראַנקע ווידער פלעג ער זאָגען — איר האָט נישט געדאַרפט נוטצען קיין דאָקטוירים, די הוצאות וואָס איר האָט אויס געגעבען אויף דאָקטוירים און פראָפעסאָרען איז נאָר אַ שאָד, זיי וויסען אין דעם גאָר נישט דאָס געהער נישט צו זיי—

אינ'ם יאָהר תרמ"ז, איז דער רבי געווען אין בויבעריק אויף אַ שבת, אויך גראַדע אין דער זעלבער צייט איז דאַמאָלס געווען אין בויבעריק אַ סטאַניסלאוו'ער עושר ר' מיכל לאָטוואק דער איידעם פון הנגידה חנה האָרוויץ אין סטאַניסלאָוו, דער ר' מיכל איז ניט געווען קיין חסיד נאָר ווייל עס האָט זיך גראַדע געמאַכט דאָס ער איז אום פערהאָפט אין איין שטאָט מיט'ן סאַסיבער רבי'ן און זעהט ווי טויזענטער מענטשען גייען צו'ם רבי'ן און דערציילען פון אוהם וואונדער, אַזוי האָט ער זיך מיישב געווען ער ווען אויך פריווען אריין גיין צו'ם רבי'ן, ער האָט זיך ביי'ם קוויטעל שרייבער געלאָזט אָב שרייבען צוויי קוויטלעך, איינ'ס פיר זיך און איינס פיר זיינס אַ קרובה, די דאָזיגע קרובה איז דאַמאָלס געווען אין 'אַנדערע אומשטענדען,' אַזוי האָט ער פיר איר'ט וועגען געשריבען אַ קוויטעל אַז דער רבי זאָל מתפלל זיין, זי זאָל אויס טראָגען בשלום, דער ר' מיכל גייט אַריין צו'ם רבי'ן און לייגט אַנידער פאַר'ן רבי'ןביידע קוויטלעך, פיר זין און פיר דער קרובה, דער רבי נעהמט זיין קוויטעל לייגט עס איבער און ווינטשט אוהם אויף זיין בקשה לויט'ן קוויטצל, דער נאָך נעהמט ער דאָס קוויטעל פון דער קרובה, דער ר' מיכל איז געווען זיכער אַז דער רבי וועט ווינטשען לויט אין קוויטעל שטייט אַז די קרובה זאָל אויס טראָגען בשלום ווי ערשטוינט איז ער אָבער געוואָרען ווען ער הערט פונ'ם רבי'ן גאַנץ אַנדערע ווערטער, דער רבי רופט זיך אָן ביי איר קוויטעל — זי זאָל האָבען אַ רפואה שלמה— ר' מיכל הנ"ל פרעגט אָב דעם רבי'ן און זאָגט —רבי, זי איז דאָך ב"ה געזינד ווי אַלע מענטשען איר בקשה איז נאָר זי זאָל בשלום אויס טראָגען דאָס קינד— דער רבי אָבער האַלט זיך פעסט ביי זיינע ווערטער און זאָגט צו אוהם — מיר ווייזט אויס אז עס איז גאָר נישט קיין טראָגען מען מיז פרעגען אַ דאָקטער דאַרויף, דער ר' מיכל איז אַ היים געקומען קיין סטאַניסלאוו און דער ציילט דעם דאָזיגען פאַקט — און זאָגט ווי געפעלט עס אייך, דער רבי זאָגט גאָר אַז ער נעמט עס נישט אָן פאַר קיין טראָגען, וואָס זאָגט איר דאַצו? זיי האָבען זיך גיט אויס געלאַכט, ווייל דעם רבי'נס חסידים

זענען

*) דער רבי האָט געזעהן אַז די השגחה איז אַז די רפואה זאָל קימען דאָרך אַ דאָקטער, האָט ער דעם דאָזיגער געהייסען גיין צו אַ דאָקטער.

זענען זיי דאָך נישט געווען, אַזוי האָב'ן זיי געזאָגט וויצען דאַריבער, און געלאַכט דאַפון, ווען עס איז אָבער אַוועק דער 9-טער חודש און מ'האָט געזעהן אַז פונ'ם רבי'נס ווערטער טאָר מען נישט לאַכען, אַזוי זענען זיי שוין אַריבער געפאָהרען קיין לעמבערג און געפרעגט אַ פראָפעסאָר דאַרויף, דער פראָפעסאָר האָט קאָנסטאַטירט אַז זי מיז זיך פאַסען צו אַ אפעראציע, מ'האָט איר די אפעראציע געמאַכט, עס איז איר געווען אַיניוויינינ אַזאַ ווילדער אויס וואוקס וואָס מ'האָט עס געמיזט אויס שניידען, וואָלטען זיי אָבער געווען דאמאלס געפאָלגט דעם רבי'ן, און תיכף פרעגען אַ דאָקטער, אַזוי ווי דער רבי האָט דאמאלס געזאָגט אזוי וואָלט מען זיך געווען איין געשפאָרט אַזאַ שווערע אפעראציע.

פון דאמאלס אָן איז שוין דער ר' מיכל געוואָרען אַ חסיד, און פלעג קימען צו'ם רבי'ן מיט גרויס אמונה:

## סיפור יג.

הר' יצחק מאיר כץ פון אושפיציען איז אוהם אַ מאל שטאַרק שלעכט געוואָרען אויפ'ן האַלז, ער איז געוואָרען שטאַרק הייזעריג, און נישט געקענט אַ רויס רעדען קיין וואָרט, די דאָקטוירים האָב'ן אוהם געהייסען אַ וועק פאָהרען קיין וויען צו אַ פראָפעסאָר, ער איז געקומען קיין וויען, און זיך געלאָזט אונטערזוכען ביי אַ האַלז'ן פראָפעסאָר דער ווינער פראָפעסאָר זאָגט אוהם אַז ער מיז זיך לאָזען מאַכען אָפעראַציע אויפ'ן האַלז, דער ר' יצחק מאיר האָט זיך אָבער נישט געקענט ענטשליסען צו אַזאַ שווערער אפעראַציע, און איז אַ היים געפאָהרען קיין אושפיציען, און אין דער היים זיך מיישב געווען, ער וועט פאָהרען קיין סאַסיב צו'ם רבי'ן און אוהם פרעגען אַ עצה דאַריבער, וואָס ער זאָל טיען, ער איז געקומען קיין סאַסיב אויף שבת און דער ציילט דעם רבי'ן אַז דער ווינער פראפעסאר האָט אוהם געזאָגט אַז ער מיז זיך לאָזען מאַכען אפעראציע אויפ'ן האַלז, דער רבי ענפערט אוהם דארויף מיט אַ נעימת-דיגען שמייכעל און זאָגט מיט די ווערטער – ח"ו די דארפסט נישט קיין אפעראציע אויפ'ן האַלז! שבת ביי'ם ליינען וועל איך דיך אויף רופען צו'ם ספר, די וועסט מאַכען אַ ברכה איבער דער תורה, אַזוי וועט דיר גיט ווערען אויפ'ן האַלז – שבת ביי'ם ליינען האָט מען דעם קראנקען אויף גערופען צו דער תורה, ער האָט געמאַכט די ברכה און עס איז אוהם טאַקי בעסער געוואָרען, אזוי ווי דער רבי האָט אוהם פריער פאָר אויס צי געזאָגט.

דער ר' יצחק מאיר פלעג דער נאָך קומען קיין סאַסיב צו'ם רבי'ן געזונט ווי יעדער מענטש. דער ווינער פראפעסאר האָט אוהם געהייסען מאַכען אַ שווערע אפעראציע אויפ'ן האַלז.... דער רבי דאַגעגען האָט אוהם געמאַכט אַ גאָר לייכטע אפעראציע, דער רבי זאָגט אוהם ער זאָל מאַכען מיט'ן האַלז אַ ברכה איבער דער תורה און די דאָזיגע אפעראציע געלונגט פאָר טרעפליך און דער ר' יצחק מאיר איז געבליבען געזונט געוואָרען:

## סיפור יד.

הר' שלום רויזען אַ ברידער פון החסיד ר' וואָלף טאָפעריוועד, האָט געוואוינט.

געוואוינט אין האררחוב, א סך יאהר'ן מיט א פרוי און מיט איר קיין קינדער נישט געהאט זיי האבען געפרעגט דאקטוירים, און די דאקטוירים האבען אן ערקענט אז ער איז מאנליך שוואך, און אז ער קען קיין קינדער נישט האבען, די פרוי זיינע האט זיך דאדורך מיט אוהם געט'גט, נאך דעם האט דער ר' שלום חתונה געהאט דאס צווייטע מאל מיט א פרוי פון סאסיב, דער ר' שלום האט געוואוינט אין סאסיב עטליכע יאהר, און מיט דער צווייטער פרוי אויך קיין קינדער נישט געהאט, די צווייטע פרוי האט זיך גיערגערט דאפון וי האט גערעכענט זיכער אז ער קען קיין קינדער נישט האב'ן, אזוי האט זי מיט אוהם נישט געוואלט וואוינען אין פערלאנגט אז ער זאל זיך מיט איר גט'ן, דער ר' שלום האט נאך א מאל געפריווט פרעגען ביי גרויסע פראפעסארען, און די אלע פראפעסארען אבער האב'ן אלע איינשטימונג קאנסטאטירט אז ס'איז אויס גישלאס'ן, ער זאל קענען האבען קינדער, דער ר' שלום איז אריין געגאנגען צו'ם רבי'ן און דער ציילט אז די פראפיסארען זאגען אז עס איז נישט דא קיין הילף פאר אוהם, זיי גיבען „יאוש", דער ר' שלום דער ציילט אז ער מיז זיך גט'ן מיט דער פרוי, און ביי דעם וויינט ער זייער ביטער פאר'ן רבי'ן, דער רבי ענפערט אוהם מיט א שמייכעל — די מיינסט טאקי אז אלסדינג וואס די דאקטוירים גיבען מיז מען נעמען? אז די דאקטוירים גיבען יאוש, נעמט מען נישט — 1) דער רבי לייגט ארויף זיין האנד אויף ר' שלום'ס ריקען 2) און האלט אזוי די האנד עטעטליכע מינוט, און רופט זיך אן דער נאך מיט די ווערטער — נעהם אויף דיר אז נאך דעם ווי די ווערסט געהאלפען מיט קינדער צו'ם לעבען אזוי זאלסט די א יעדעס יאהר שושן פורים, ברענגען עטליכע העריגג צו דער סעודה — דער ר' שלום האט דאס תיכף גענימען אויף זיך, און פאר שפראכען דעם רבי'ן אז ער וועט דאס זייער גערען נאך קומען, דער רבי האט אוהם געגעבען זיין ברכה, די ברכה איז מקוים געווארען, ער איז געהאלפען געווארען מיט קינדער.

דער ר' שלום האט אויך געהאלטען ווארט ער פלעג טאקי דער נאך א יעדען שושן פורים ברענגען צו'ם רבי'נס טיש פראווען א טעלער מיט הערונג.

דער רבי פלעג דעם דאזיגען הערונג טיילען צווישען די חסידים מיט גרויס שמחה:

---

## סיפור טו.

אינ'ם יאהר תרמ"ה, איז הר' יצחק סטאלער אין סאסיב קראנק געווארען, דער דאקטער האט דאס אנערקענט פאר שטארק לונגען-ווכטיג און אוהם שטרענג'ס. פערבאטען צו ארבייט'ן ובפרט נאך אזא שווערע מלאכה ווי סטאלארסקי ארביט. דער ר' יצחק האט

---

1) בספר פאר יצחק, מביא בשם הה"ק מהרי"א מזידיטשוב זצ"ל, אשר פעם אחד הזכירו לפני הה"ק הנ"ל חולה אחד מסוכן, וסיפרו לפניו ג"כ אשר הדאקטוירים נותנים יאוש, והשיב על זה הה"ק ואמר — ח"ו! אין להם רשות כלל בזה, כי חכמז"ל דורשו "ורפא ירפא מכאן שניתן - רשות - לרופא לרפאות„ והנה לרפאות ניתן - רשות - אבל לא על יאוש ח"ו —

2) הי' מולך ומביא בידו על הצלעות נגד חוט השדרה, וברך אותו כך.

האט געפרעגט עטליכע דאקטוירים, און אלע האב'ן זיי איינשטימונג קאנסטא-טירט אז ער האט א לונג'ן פעהלער דער ר' יצחק איז אריין געגאנגען צו'ם רבי'ן און זייער געוויינט פאר אוהם דער רבי ענפערט אוהם דארויף מיט די ווערטער — שרעק דיך גאר נישט, וועסט מיר מאכען אן ארון קודש אין דאווינ-שטיב אריין, וועסט די האבען א רפואה שלמה — דער ר' יצחק איז א היים געגאנגען און שוואכע-הייט זיך גענומען אביסעל צו דער ארבייט, און פון טאג צו טאג האט דער ר' יצחק געשפיערט אין זיך אז ס'ווערט אוהם אלע מאל צו ביסלעך בעסער, אזוי אז ווען ער האט געהאט פער ענדיגט דעם רבי'נס ארון קודש, איז ער שוין געווען דאמאלס פאלקאם געזונד, ער האט גע-ברענגט דאס א"ק מיט גרויס פרייד אלס מתנה פאר'ן רבי'ן, דער רבי האט אבער בשום אופן נישט געוואלט אן נעמען דאס ארון קודש אלס „מתנה", נאר אוהם בעצאלט דאפאר דעם פאלען בעטראג, און געזאגט צו אוהם מיט די ווערטער. — די האסט געמיינט במתנה? איך האב אבער נישט געמיינט קיין מתנות —

דער ר' יצחק האט זיך דער נאך באזעצט אין לעמבערג, און זיך איין געפירט דארט אין דער זאנענ-גאס א סטאלארסקי ווארסטאט. און אינ'ם יאהר תרע"ח ווען דער רבי האט זיך אריין געצויגען קיין לעמבערג, אזוי האט מען בעדארפט סטאלארסקי ארבייט איז טאקי דע.. זעלבער ר' יצחק גע-שטאנען ביי'ם רבי'ן און געמאכט די דאזיגע ארבייט, ער רופט זיך אן צו'ם עולם און זאגט — מענטשען נאראנים גלייבען אין דאקטוירים, קיקט איר אן



דעם דאזיגען מייסטער, צוריק מיט דריי און דרייסיג יאהר האבען אוהם די דאקטוירים אן גערעדט אז ער האט גאר א לונגען פעהלער און אז די טעג זיינע זענען געציילטע!...

איך קען אייך היינט דער ציילען אז די דאזיגע אלע דאקטוירים זענען שוין אצינד אויף יענעם עולם, און דער לונגען פעהלער-דיגער מייסטער שטייט היינט אויף דעם עולם, און אר-בייט נאך אזא שווערע מלאכה, ווי סטא-לארסקי ארבייט. דאס האט מיר דער רבי געגעבען א מתנה פאר'ן ארון קודש וואס כ'האב אוהם דאמאלס געמאכט פאר גיט בעצאהלט געלד:—

## — סיפור טז. —

אינ'ם יאהר תרס"ח איז אין סוואליווע ביי מונקאטש, דעם שוחט'ס זוהן הר' משה דוד מירמעלשטיין, פליצינג שטום געווארען, דאס איז אוהם געשעהן ווען ער איז אלט געווען צוועלף יאהר, און איז אזוי דרייצען יאהר גענצליך שטים געוועזען, און ווען ער איז אלט געווארען פינף און צוואנ-ציג יאהר, איז אוהם דער פאטער גע-שטארבען, די אנדערע ברידער זיינע האב'ן ווי געוועהנליך געזאגט קדיש, און ער איז דאך געוועזען שטים, אזוי האט ער געהאט גרויס צער דאפון פאר וואס ער קען קיין קדיש נישט זאגען גלייך מיט די ברידער, און ווען די ברידער פלעגען זאגען דעם קדיש, אזוי פלעג דער שטימער שטיין ווי צו זאמען געבראכען פאר גרויס צער אז ס'איז געווען א רחמנות צי צו קיקען, מ'האט אוהם א-בער גאר נישט געקענט העלפען דאצו. ענדליך האט זיך איין ברידער זיינער

מיישב

פיקשב געוועזען, ער האָט געהערט
פונ׳ם סאַסיב׳ר רבי׳ן אַז ער איז אַ
גרויסער איש מופת, אזוי איז ער מיט׳ן
שטימ׳ן ברידער אַריבער געפאָהר׳ן קיין
סאַסיב זיי זענען אראַן געגאַנגען צו׳ם
רבי׳ן, און דער ברידער פונ׳ם שטומ׳ן
דער ציילט דעם רבי׳ן אז ס׳איז פשוט
נישט אויס צו האַלט׳ן פונ׳ם שטומ׳ן ער
איז זיך אַזוי מצער דאָרך דעם קדיש
אז ס׳איז נישט צו׳ם צו קיקען, מ׳איז
שוין באַלד געוואוינט געוועזן מיט די
צרות, און ער אַליין איז אויך שוין גע-
וועזן צו געפאַסט צו׳ם ביטער׳ן גורל
זיינעם, מ׳האָט אוהם אויס גילערינט אַ
פאַך, קונסט מאַלעריי, וואָס ער פערדינט
ביי דעם גאַנץ שיין, נאָר אַ צינד דער
קדיש האָט אוהם און גאַנצען ווי דער
שלאָגען, און פאַר גרויס צער האָט ער
אָן געוואוויר׳ן דעם אַפּיטיט צי אַרביט׳ן
און וואָס קענען מיר העלפ׳ן צי דעם?
דאַדורך טאַקי זענען מיר גיקומען צו׳ם
רבי׳ן, ווען דער רבי היילט אוהם, אַזוי
וועלט דער רבי געהאַט אַ גרויסע מצוה.
אויף די דאָזיגע רייד׳ט גיט דער רבי
אַ נעימת-דיגען שמייכ׳ל, און רופט זיך
אָן צו׳ם שטומען — קים אַהער נעהנט׳ר
צו מיר — דער שטימער גייט צי צו׳ם
רבי׳ן, דער רבי לייגט אוהם אַרויף די
האַנד אויפ׳ן האַרץ, און זאָגט צו אוהם
מיט די ווערט׳ר — זאָג „שמע ישראל״—
דער שטימער זאָגט, אָבער זייער שווער
ראָס איז גיוועזן חוה״מ פסח, אַ שטיק׳ל
ענדערונג צו׳ם גיט׳ן האָט דער שטי-
מער געשפּיערט, אָבער דעם קדיש האָט
ער נאָך נישט געקענט זאָגען, אַזוי זע-
נען זיי פערבליבען אויף יו״ט. שביעי
של פסח באַנאַכט, נאָכ׳ן דאַווינען רופט
אוהם דער רבי צו זיך און גיט אוהם
אַ גלעזעל וויין, דער רבי לייגט אוהם
אַרויף די האַנד אויפ׳ן האַרץ און זאָגט
צו אוהם מיט די ווערט׳ר — מאַך קידוש
אויפ׳ן יו״ט-דיגען קול — אַזוי האָט שוין
דאַהאָלס דער שטיממער גיזאָגט יעדער
וואָרט דייטליך און קלאָר, ער האָט גי-
מאַכט דעם קידוש אויף אַ קול מיט׳ן
„יו״ט-ניגן״ ווי עפּעס אַ שיצל חזן,
און נאָך דעם דאָזיגען קידוש, האָט
דער שטימער גערעד׳ט ווי יעדער
מענטש, און געזאָגט קדיש גלייך מיט׳ן
ברידער, און נאָך פסח זענען זיי אַ
היים געפאָהרען קיין סוואַליווע, איז ווי
געוועהנליך דאָרט געוואָרען אַ גרויסער
רעש, אַ מענטש איז געוועז׳ן דריי-
צעהן יאָהר געגנבליך שטום, און אַ צינד
איז ער צוריק געקומען פונ׳ם רבי׳ן
פּאַלקאָם געזונט. די דאָרטיגע דאָקטוי-
רים וואָס האָב׳ן אַ סך מאָל בעהאַנדעלט
זעם דאָזיגען שטימ׳ן, אָבער אָן שום
ערפאָלג, ווען זיי האָב׳ן גירעד׳ט מיט
אוהם, און געהערט ווי דער שטימער
דער ציילט זיי פונ׳ם סאַסיב׳ר רבי׳ן אַז
דער רבי האָט מיט אוהם געזאָגט „שמע
ישראל״ און אוהם געהייסען מאַכען
דעם יו״ט-דיגען קידוש, און אזוי אַרום
האָט ער צוריק בעקומען דעם „כח
הדיבור״, אַזוי זענען די דאָזיגע דאָק-
טוירים געבליבען שטיין אויסער זיך
פאַר וואונדער, און געזאָגט אַז אַזאַ זאַך
דאַרף מען שטעלען אין די צייטונגען,
זיי האָב׳ן טאַקי מקיים דיבור געוועזן,
באַלד דער נאָך איז טאַקי די גאַנצע
וואונדער-ליכע ערשיינונג געוועזען אויס
פירליך בעשריבען אין דער פּרעסע.

און נאָך דעם טאַקי ווי די פּרע-
סע האָט בעשריבען לאנג און ברייט
דעם דאָזיגען וואונדער, אַזוי האָט מען
פונ׳ם שטייער אַמט באַלד פערשטענדיגט
דעם רבי׳ן אַז פון אַצינד אָן וועט שוין

דער רבי מיזען צאָהלען אַ טאָפעל׳ן שטייער.

אַז מ׳פלעג אַ מאָל רעד׳ן פונ׳ם „סוּואַליוועך מופת״ אַזוי פלעג זיך דער רבי אָן רופען דארויף מיט אַ ווייץ און זאָגען — דאָס „מופת״ קאָסט מיך אַ סך געלד, מ׳מאָנט דאָך טאָפעל שטייער׳ן:—

## —— סיפור יז. ——

אין אַ דאָרף נעבען סטריזיב איז ז-אָרט קראַנק געוואָרען אַ מיידיל, זי האָט בעקומען אַ שרעק-ליכען שליקערץ דער דאָזיגער שליקערץ איז געוועזען אַזוי שטאַרק אַז מ׳האָט געציטערט ס׳זאָל זי נישט דער שטיקען, און מען האָט נישט געקענט קימען דארויף וואָס פיר אַ מין קרענק דאָס איז. מ׳איז כיט איר גיקימען קיין סאַסיב, דער רבי האָט זי גיבענטש׳ט און ס׳איז איר תיכף גענצליך גיט גוואָרען. דער רבי האָט איר אָב געבענטש׳ט *) אַ מטבע און געזאָגט צו איר מיט די ווערטער, — די דאָזיגע מטבע זאָלסט דיר אָן הענ-גען אויפן האַלז פאַר אַ שמירה, זי האָט זיך די אָב געבענטש׳טע מטבע אָן גע-טיען אויפ׳ן האַלז און איז אַ היים גע-פאָהרען גענצליך געזונט. ס׳איז אַזוי אַ וועק געגאַנגען אַ לענגערע צייט און דאָס מיידעל ווייסט שוין מעהר נישט פון קיין שלעכט׳ס, מאַכט זיך אָבער איינמאָל אין מיט׳ן דער נאַכט אַז דאָס מיידיל כאַפט זיך אויף פינ׳ם שלאָף מיט׳ן זעלב׳ן גיפערליכען שליקערץ ווי ס׳איז אַ מאָל שוין געוועזען ביי איר, און נאָך מעהר שרעק איז אַ צינד ווייל מ׳טיט זיך אַ קיק אַרום אַזוי זעה׳ט מען ווי די מטבע פונ׳ם האַלז איז פערשווינדען געוואָרען, ס׳איז אַ רעטיניש מען ווייסט נישט ווי אַרומ׳ערט דאָס האָט געקענט גישעהן, זייט זי איז געקומען פונ׳ם רבי׳ן האָט זי נישט אויס גיטיען די מטבע, און ערשט אַ צינד פאַר׳ן שלאָפען האָט מען די מטבע געזעה׳ן הענג׳ן ביי איר אויפ׳ן האַלז, מ׳פרעגט זי וואָס איז עפעס געשעהן מיט דער דאָזיגער מטבע? דאָס מיידיל דער ציילט אַ וואונדער-ליכען פאַקט — אַזוי ווי איך בין אַצינד נאָר וואָס אַנשלאָפ׳ן געוואָר׳ן דאַכט זיך מיר אַז מ׳שטעלט מיך פאָר, פאַר אַ קייזער אין אַ פראַכט פאָלען קייזער-ליכען פאַלאַץ, דער דאָזי-גער קייזער עמפפאַנגט מיך זעהר פריינדליך, איך שפיר מיך זעהר גליק-ליך צו האָב׳ן אַזאַ כבוד צי רעד׳ן מיט אַ קייזער, און אין מיט׳ן געשפרעך בע-מערקט דער קייזער די מטבע אויפ׳ן האַלז און פרעגט מיך — וואָס פאַר אַ מאָ-דע שטיק איז דאָס עפעס? — איך ענ-פער אוהם אַז דאָס האָט מיר דער סאַסיבער רבי געגעבען, דער קייזער ווערט זעהר נייגעריג דאָס צי בעטראַכ-טען, און פערלאַנגט פון מיר אַז איך זאָל אוהם ערלויב׳ן ער זאָל אַראָב נע-מען די מטבע, איך האָב אוהם תיכף ערלויבט, ווייל ווי אַזוי זאָגט מען עפסע אָב אַ קייזער, בפרט נאָך אַזאַ קלייניקייט אַראָב צו נעמען די מטבע אויף אַ מינוט. נאָך מיין ערלויב-עניש גייט ער צו צי מיר און נעמט מיר די מטבע מיט׳ן בענדיל אַראָב פונ׳ם האַלז און אין דער זעלבער סעקונדע טאַקי האָב איך צוריק בעקומען דעם שרעק-ליכען שליקערץ — נאָך דער דאָזיגער

שרעקליכער

*) דעם רבי׳נס מנהג איז געוועזען אַב צו בענטשען אַ מטבע, דאָס איז אַ גרייצער אָדער אַ קאָפּיקע.

שרעקליכער פאסירונג פאהרט מען נאך א מאל קיין סאסיב צו'ם רבי'ן, דאס מיידיל גיט יעדען שליקערץ אז ס'פאלט א פחד אויפ'ן מענטש, מ'גייט אריין צו'ם רבי'ן און מ'דער ציילט אוהם די גאנצע פאסירונג, דער רבי בענטש'ט אב א צווייטע מטבע, און רופט זיך אן מיט די ווערטער — איר דארפט אייך נישט, צו שרעק'ן, איך האב אייך אב געבענטש'ט א אנדערע מטבע, און די ערשטע מטבע וואס איך האב אייך געגעב'ן איז אויך נישט פערפאללען *) דעם מיידיל איז באלד גיט געווארען אויפ'ן שליקערץ, און איז א היים געפאהרען פריש און געזונט ווי יעדער מענטש. איין מאל שטייט זי אזוי פרייטוג באטאג ביי זיך אין שטיב, קימט אריין אום-פערהאפט א היימישער פויער פונ'ם דארף, ער האט דאמאלס געהאקט שטיינער אויפ'ן שטראס, דער דאזיגער פויער האלט אין האנד די גאנץ לאנג פערלוירענע מטבע מיט'ן בענדיל, און זאגט מיט גרויס פרייד, — איך האב היינט געהאט זייער א גרינג פערדינסט, בשעת איך זיטץ אזוי אויפ'ן שטראס ביי די שטיינער, אזוי קימט צו מיר צו א זעהר עלעגאנט געקליידיט'ר הער, און זאגט מיר, נא דיר א גאנצע קראנע פאר'ן וועג, און טראג אריין דאס בענדיל מיט דעם דאזיגען, צו דער פרוי, איך האב אוהם זייער געדאנקט דאפאר, ווייל א גאנצע קראנע פאר א זא בענדיל אב טראגען איז זייער א גרינג פערדינסט: —

## —— סיפור יח. ——

אינ'ם יאהר תרס"ג איז אין א דארף נעבען קריסניפאלע, גישעהן מיט א קינד א אויסער גיוועגליכער פאקט דעם קינד'ס פאטער איז א גראלניק, דאס דאזיגע קינד, א יונגעל פון א צעהן יאהר, גייט זיך א מאל אין דער גראלניע אריין, דאס איז געוועזן שבת צי נאכט, אין דער זומער צייט ווען די גראלניעס שטייען דאמאלס ליידיג אן ארביט, און ווען מ'האט באמערקט אז דאס קינד פערזאמט זיך עפעס מעהר ווי געוועגליך איז מען א ריין געגאנגען אין דער גראלניע אריין מ'האט עס דארטען געזוכט ווי אן ארט און דאס קינד איז נישט דא, מ'האט אויך געזוכט אינ'ם דארף ביי אלע שכנים, און מען זעה'ט נישט און מען הערט נישט פון קיין קינד, און אין מיט'ן דער נאכט ערשט טרעפט מען דאס קינד שטייען אין דער גראלניע, און נאך מעהר איבעראשט איז מען געווארען ווען מען טוט זיך א קוק ארום אזוי זעה'ט מען ווי דאס קינד איז פינ'ם קאפף ביז צו די פיס שטארק נאס, דאס אן געטיעכץ זיינ'ס איז אויס גיווייקט, אזוי ווי עמיצער זאל אוהם האב'ן מיט'ן אן געטיעכץ אנגעטינקען עפעס אין א וואסער, דאס קינד ציטערט פאר שרעק, מ'פרעגט דאס קינד ווי ביזט די גיוועזן ביז א צינד, מיר האב'ן דיך דא אין גראלניע אזוי פיעל מאל געזוכט, און ביזט נישט געוועזן

*) (גיטין ס"ח) שלש מא' ש' הי' בשיחין וכו' אייתי ש' וש' כבשינהו אהדדי וכו' יהב ליה' שושלתא דחקיק עלה וכו' ועזקתא דחקיק עלה וכו', מכאן נראה אשר רק דוקא בזה הי' נצרך לשושלת' ועזקתא דחקיק, אבל לעיל היינו לכבשינהו אהדדי, לא הי' נצרך לזה, רק בגזירתו לבד פעל שלמה המע"ה ע"ש. וגם עיין בזוה"ק פרשה נח, על הפסוק ומוראכם וחתכם וכו' תא חזי וכו' כל בריין דעלמא זעין ודחלין קמי' צ"ש.

גיוועזען, און פון וואַנען נעמט זיך עפּעס דאָס וואָס ביזט אַזוי אויס געגיווייקט אינ׳ם וואַסער מיט׳ן אָן געטיעכץ? דאָס קינד ענפערט קיין וואָרט נישט, ס׳האָט איבער הויפּט געגצליך פערלוירען דאָס לשון פאַר שרעק, תיכף אינ׳ם אַנדערען טאָג נאָך דער דאָזיגער שרעקליכער פּאַסירונג פאָהרט מען אַריין מיט דעם קינד קיין סאַסיב צו׳ם רבי׳ן, באַלד אָבער נאָר ווי דער רבי האָט דאָס קינד אָב גיבענטש׳ט, אַזוי איז דעם קינד באַלד אויפ׳ן אָרט גיט געוואָרען, דער רבי האָט ארויף געלייגט די האַנד אויפ׳ן קינד׳ס האַרץ, און עס האָט תיכף אָן געהויבען צו רעדען, אַזוי ארום האָט דאָס קינד, ערשט אין סאַסיב דער ציילט פון דער שרעקליכער פּאַסירונג, דאָס קינד דער ציילט אַ וווּנדערליכען סיפּור מ י ט ד י ווערטער,

— דעם שבת צו נאַכט אַזוי נאָר ווי איך בין אַריין געקימען אין דער גראַלניע אַריין, זענען מיר אַ קעגען געקימען [illegible] זייער רייך געקלייד׳ט זיי נעמ׳ן מיך אָן און פירען מיך אַרויס פון דער גראַלניע אין הויף אַריין, און אין הויף איז שוין גישטאַנען פאָר גיבּרייט זייער פיינע קוטשען מיט רייכען פאָרשפּאַן, זיי נעמען מיך אויף און פאָהר׳ן מיט מיר אַ וועק זייער אַ ווייט׳ן וועג ביז מ׳איז פערפאָהר׳ן צו זייער אַ שיינעם פּאַלאַץ מ׳האָט מיך דאָרט אַריין געפירט אינ׳ם פּאַלאַץ אַריין און מ׳זעצט מיך דאָרט אַ נידער עפּעס אין אַ צימער, און ווי איך זיך אַזוי אין דעם דאָזיגען צימער קימט אַריין עפּעס אַ פרוי און זאָגט מיר,

— ליעב קינד ביזט נעבען אַריין געפאַללען צו נישט גיטע, איך זאָג דיר אָן זאָל׳סט דאָ גאָר נישט פערזוכען פון קיין שום שפּייז און נישט טרינקען פון קיין שום געטראַנק׳ן וואָס מ׳וועט דיר דאָ געבען, טאָמער וועסט די אָבער יאָ עפּעס פערזוכען, אַזוי וועסט די שוין קיין מאָל נישט קענען אַ היים קימען — די דאָזיגע פרוי האָט זיך אָב געזאָגט די פאָר ווערטער און איז זיך געגאַנגען איר וועג, שפּעטער קימט אָן אַ גאַנצע מחנה מיליטער מיט אַ סך עלצטי גרויסע אפּפעציר׳ס לייט, און מען זעצט זיך פראַווען אַ גרויס-אַרטיגע סעודה, מיט טייערע שפּייז׳ן און טייערע גיטראַנקען, מ׳גיט מיר פון יעדער זאַך, אָבער איך נעם נישט גאָר נישט, זיי רעדען מיט גיט׳ן און דער נאָך מיט בייזען, זיי האָב׳ן מיך זייער לאַנג גע׳נגע׳ט, און איך האַלט מיך אַלץ ביי מיינעם, איך נעם נישט, אַזוי זענען זיי שטאַרק בייז געוואָרען אויף מיר, זיי נעמען מיך אָן און פירען מיך אַרויס פינ׳ם פּאַלאַץ, און גייען מיט מיר צי נעבען אַ טיעפ׳ן טייך, און זאָגען צו מיר, אַצינד לאָזען מיר דיך דער ווייל אַ ביסעל אָב אויף אַ פּאָר טאָג, אויף נאָר ביז מיטוואָך און אינ׳ם מיטוואָכ-דיגען טאָג וועלל׳ן מיר דיך קימען נאָך אַ מאָל נעמען, און ביי די דאָזיגע ווערטער טיען זיי מיך אַ טינק אַן אינ׳ם וואַסער אַזוי מיט׳ן אָן געטיעכץ, און תיכף נאָכ׳ן אַן טינק׳ן טי איך מיך אַ קיק אָרום בין איך גאָר צוריק אין אינזער גראַלניע, דער רבי ענפערט דאַרויף מיט די ווערטער

— זאָלסט די זיין דאָ ביי מיר ביז דאָנערשטאָג — דער פאָטער פינ׳ם דאָזיגען קינד איז טאַקי געבליבען מיט׳ן קינד אין סאַסיב ביי׳ם רבי׳ן ביז דאָנערשטאָג און דאַמאָלס ערשט זענען זיי אַ היים געפאָהר׳ן, און מיט דעם דאָזיגען קינד איז ב״ה געוועזען אַלעס גיט׳ס און זיי זענען גיוועזען דער נאָך דעם רבי׳נס שטאַרקע אַנהענגער:

## —— סיפור יט. ——

אינ׳ם יאָהר תרנ״ז איז דאַמאָלס
אין נוי יאָרק קראַנק געוואָרען אַ פרוי
אויף די גידערעם, די דאָקטוירים
האָבען אַלע איינשטימונג קאָנסטאַטירט
אַז דער דאָזיגער פרוי מיז מען מאַכען
אַן אפעראַציע, מ׳האָט איר די דאָזיגע
שווערע אפעראציע גימאַכט, אָבער
נאָכ׳ן שניט האָב׳ן זיי ערשט דאַמאָלס
אַן געזעהן אַז די גאַנצע אַפעראציע איז
צוועק לאָז געוועזען, זיי האָב׳ן נישט
געוויסט וואָס די קרענק איז און פון
וואָס דאָס שטאַמט, מ׳האָט געזעהן אַז
די נוי-יאָרק׳ר דאָקטוירים ווייסען נישט
אַזוי האָט מען די דאָזיגע פרוי גערעאָה-
טען אַז זי זאָל פאָהרען קיין וויען, די
ווינער דאָקטוירים וועלען זיכער קימען
אויף דער קרענק, און אזוי אַרום גע-
פינען עפעס אַ מיט׳ל דאַצו, זי איז
טאַקי געפאָהרען קיין וויען און זיך בע-
האַנדעל׳ט ביי די גרעסטע דאָקטוירים
די דאָזיגע דאָקטוירים האָב׳ן ווי גע-
וועהנליך געגעבען מיטלען, און געמאַכט
איבער איר פערשידענע עקספערימענט׳ן
אָבער אָן שום ערפאָלג, אַזוי אז די
פרוי האָט שוין גערעכענט אַז פאר
איר׳ט וועגען איז שוין נישט דאָ קיין
שום הילף, וואָרען אַז די ווינער גרעס-
טע דאָקטוירים ווייסען נישט, ווער דען
ווייסט? די דאָזיגע פרוי האָט אַ קרוב
אין גאַליציען איז זי אריין געפאָהר׳ן
אויף אַ בעזוך צו׳ם קרוב דער דאָזיגער
קרוב הר׳ דוד ליב בלעכנער וואוינט
אין צערגאָווע נעבען דיקלע, זי קימט
צו׳ם קרוב און דער ציילט אוהם איר
גרויס אומ-גליק אַז די נוי-יאָרק׳ר, און
אויך די ווינער גרעסטע דאָקטוירים
ווייסען נישט וואָס איר איז, און אַז
נאָך דעם גאַנצען פערמעגען וואָס ס׳האָט
זי אָב געקאָסט, און נאָך אַזוי פיעל
מיטשען זיך פון די צוועק לאָזע אָפּעראַ-
ציעס מיז זי גאָר צוריק פאָהר׳ן קיין
נוי-יאָרק, קראַנק ווי פריערט. דער
קרוב הר׳ דוד ליב זאָגט איר אָבער,
פאָלג מיך ביזט שוין דאָ אין גאַליציען
פריוו זאון פאָהר אַריין קיין סאַסיב צו׳ם
רבי׳ן — די דאָקטוירים ווייסען נישט;
דער רבי וועט אָבער יאָ וויסען — די
פרוי פאָלגט אוהם, זי פאָהרט קיין סאַ-
סיב, שרייבט זיך אָב אַ קוויטעל און
גייט אַריין צו׳ם רבי׳ן, אַזוי ווי אָבער
נאָר דער רבי נעמט דאָס קוויטעל לייענט
עס איבער און הייבט זי אָן צו בענ-
טשען אַזוי פאַלט אויפ׳ן גאַנצען עולם
וואָס שטייט דאָרט צו׳ם געזעגענען אַ
אויסער גיוועהנליכע שרעק ווייל די דאָ-
זיגע פרוי איז געענצליך בעוואָסט לאָז
געוואָרען, און דאָרט ביים רבי׳ן האָט
דער דיבוק שוין אַרויס גערעד׳ט וואונ-
דערליכע זאַכען, און דער נאָך האָט זי
גאָר נישט אָן געהויבען צו וויסען וואָס
מיט איר איז-דאָ עפעס פאָר געקומען
אַ צינד האָט זי שוין פערשטאַנען פאַר
וואָס די גרעסטע ווינער דאָקטוירים האָ-
בען נישט געוויסט וואָס ס׳איז איר. זי
האָט שוין אַזוי אַרום בעשלאָסען נישט
אַ וועק צו פאָהר׳ן פון סאַסיב ביז זי
וועט געענצליך געהיילט ווערען. דער
רבי איז גראַדע דאַמאָלס גיוועזן פער-
בעטען אויף אַ שבת קיין דיקלע, אזוי
איז דער רבי טאַקי באַלד אַ וועק גע-
פאָהרען און איז דאָרט געווען אויף
שבת, די קראַנקע פרוי איז אויך גע-
פאָהרען קיין דיקלע צו׳ם רבי׳ן, ווען
דער רבי פלעג זי בענטשען און דער
דיבוק פלעג דאָך דאַמאָלס אַרויס רעד׳ן
וואונדער-ליכע זאַכען, אזוי פלעגען זיך

דאַמאָלס אינ׳ם רבי׳נס שטיב אָן שטיפען אַ גרויסער נייגעריגער עולם, און געמאַכט אַ שטאַרק ענגשאַפט 1) אַזוי האָט דער רבי אַרויס געגעבען אַ שטרענגען בעפעהל אַז ווען די דאָזיגע אַמערקאַנער פרוי גיט איר קוויט׳ל צו׳ם בענטש׳ן, אַזוי זאָל מען דאַמאָלס נישט אַריין לאָזען קיין שום פרעמדען מענטש אויסער די גבאים פינ׳ם רבי׳ן. אין דער דאָזיגער שטאָט אין דיקלע איז דאַמאָלס גיוועזען אַ „חכם" ביי זיך, פון די אַזוי גערופענע „קענער׳ס", ער האָט אויך שטודיערט די מאָדערנע „וויסענשאַפט" און ער הערט דערציילען אַז ס׳איז גיקימען פון נוי-יאָרק אַ פרוי מיט אַ „דיבוק", אַזוי האָט ער זיך אייגענס גינעמין צייט צי פירען אַ גישפרעך מיט׳ן אַמערקאַנער "דיבוק„ ער שפרעכט מיט דער דאָזיגער פרוי און זעהט אַז זי איז אַ געבילדעטע פרוי זי רעדט יעדע איינצעל-הייט קליג און בעשייד׳ן ווי יעדער בעסער׳ער מענטש 2) אַזוי איז ער געקימען צו דער מסקנא אַז דאָס איז עפעס אַ אויס געטראַכטע זאַך פון די בטלנ׳ישע פאַנאַטיקער׳ס, מענטש׳ן נאַראָנים וואָס ווייסען נישט פון דער וויסענ-שאַפט קען מען איין רעדען אַ זאָליכע פאַנאַטישע זאַכען ווי מעשיות פון „דבוקים", ווען ס׳זאָל אַזוינס עקזיסטירען, וואָלט די וויסענ-שאַפט נישט געוויסט דאַפון? דאָס איז די שאלה פינ׳ם „חכם" פון דער וויסענ-שאַפט. און דאַמיט טאַקי מ׳זאָל איבער צייגען דעם דאָזיגען „חכם" אַז ער איז גאָר נישט קיין „חכם" נאָר דוקא א „תם" אַ „שאינו יודע לשאול", אַזוי איז כאָטשי דעם וואָס דער רבי האָט גיגעבען אַ בעפעהל קינים נישט אריין צו לאָזען אין דער שטיב ווי ער זיצט, האָט מען פאָרט געפינען אַ עצה דאַרויף, דער רבי האָט דאָך נאָר געזאָגט די שטיב ווי ער זיצט, אָבער אויף דער צווייטער שטיב נעבען אוהם ווי מ׳שרייבט די קוויטלען, אויף דער דאָזיגער שטיב איז דאָך קיין שום באַפעהל נישט דאָ אַזוי אַרום וועט מען דעם דאָזיגען „חכם" קענען אַריין נעמען אין דער קוויטעל שטיב, און פון דאָרטען וועט ער שוין אַלעס הערען און זעהן, ווייל צווישען רבי׳נס שטיב און׳ם קוויטעל שרייבערס שטיב איז די וואַנט נישט געווען הויך ביז צו׳ם באַלקען אַזוי האָט מען אין דער הויך געקענט אַריבער זעה׳ן אַלעס וואָס ס׳קימט פאָר ביי׳ם רבי׳ן, דער דאָזיגער „חכם" שטעלט זיך טאַקי אַרויף אין דער הויך אויף אַ טיש און זעהט ווי די אַמערקאַנער פרוי לייגט אַ נידער דאָס קוויטעל און דער רבי פרעגט זי אויס אויף דער פרנסה, און ווי אַזוי די געשעפטען גייען דאָרט אין נוי-יאָרק, די פרוי ענפערט אויף יעדער זאַך, און פרעגט דעם רבי׳ן עצות וועגען מוסהר, און פרנסה, דער „חכם" שטייט, הערט און זעהט אַלעס און פערשטייט נישט, ער חידש׳ט זיך די פרוי רעדט גאָר וועגען פרנסה און געשעפטען פון נוי-יאָרק, און פליצים רעדט מען איר איין א דיבוק אין קאָפף? אַזוי ווי אָבער נאָר ער שטייט אַזוי און קלערט אַריין אינ׳ם דאָזיגען ענין, גיט זיך דער רבי א רוף אָן צי

דער

3 14

---

1) אין סאַסיב איז מען נישט געווען אַזוי נייגעריג, מ׳איז שוין גיוואוינט געווען צו אַזעליכע אומ-נאַטורליכע זאַכען, און אַ פרעמדער שטאָט אָבער איז מען געווען נייגעריג.

2) ווייל ביי דער דאָזיגער פרוי פלעג דער „דיבוק" נישט אַרויס רעדען נאָר דאַמאָלס ווען דער רבי האָט געליינט איר קוויטעל.

דער פרוי אַז זי זאָל זיך אַ ביסעל אַ
וועק ריקען און שטעלען פון דער
ווייט׳נס, די פרוי ריקט זיך צוריק און
שטעלט זיך אויף דעם אָרט ווי דער
רבי זאָגט, דעם חכם הייבט שוין אָן
אַ ביסעל אַנדערש צו ווערען אינ׳ם מח
ער זעהט שוין אַז דאָ דאַרף עפּעס פּאַר
קימען, דער רבי נעמט דאָס קוויטעל
און פּער טיעפט זיך אין זיינע געדאַנ-
קען, און ביי דעם פּאַקט איז שוין דער
דאָזיגער „חכם״ האַלב טויט פּאַר שרעק
דער „דבוק״ האָט אָן געהויבען אַרויס
צו רעדען, און ס׳האָט מיט איר גאַנצען
קערפּער געוואָרפען און געוויקעלט מיט
אַזאַ שנעל-קייט אַז ס׳האָט אויס געזעהן
ווי עפּעס אַ ווינט מיעל, און דער
„דבוק״ האָט אַרויס געשריגען, פּאַר וואָס
זאָל איך אַזוי שרעקליך ליידען פון די
מזיקים און די נגעי בני אדם, ווי לאַנג
וועל איך אַזוי ליידען? און ווען וועל
איך האָב׳ן אַ תיקן און פּטר׳ן די
שרעקליכע מזיקים, דעם „חכם״ האָט עס
געפיבערט און געקלאַפּט איין צאָהן
אינ׳ם אַנדערען פּאַר שרעק, און אַזוי
אַרום שוין געוויסט אַז ער ווייסט נישט
און נאָך עפּעס איז ער ערפּאַהרען, אַזוינס
וואָס נישט יעדער ווייסט עס, ער איז
געוואויר געוואָרען אַז די וויסענ-שאַפּט
ווייסט נישט. דער רבי האָט די דאָזי-
גע פרוי נאָך עטליכע מאָל אַזוי גע-
בענטש׳ט און זי איז צוריק געפאָהרען
גענצליך ג׳זונט ווי יעדער מענטש:

---

## ——— סיפור כ. ———

אינ׳ם יאָהר תר״ג, פינף און צוואַנ-
ציג טאָג אין חודש שבט אום פרייטאג
צו נאַכט׳ס איז דאַמאָלס דעם רבי׳ן אַ
גרויס אום-גליק געשעהן, דער עלטסטער
זוהן זיינער הה״צ הר׳ יוסף דוד זי״ע
איז נפטר געוואָרען, און דאַמאָלס טאַקי
האָט מען אַ רויס געזעהן דאָס ג־ויס-
קייט פונ׳ם רבי׳ן, דער דאָזיגער נפטר
האָט מיט זיינע מעלות און מידות
טובות זיך קונה שם געווען ווייט און
ברייט, אַזוי אַז ער איז זייער בעליעבט
געווען צווישען דעם עולם, די דאָזיגע
פריצייט-קע פטירה פונ׳ם רבי׳נס זוהן
האָט יעדען פערשאַפּט גרויס צער און
טרויער, און אין דעם רבי׳ן אַליין אָ-
בער איז נישט געווען צו בעמערק׳ן קיין
שום רמז פינ׳ם גרויסען אום-גליק, ער
האָט אינ׳ם דאָזיג׳ן שבת גידאַווינט פאַר׳ן
עמוד ווי יעדען אַנדער׳ן שבת, ער האָט
געפּראַוועט די טישען און געזאָגט תורה
בנעימה קדושה, גלייך ווי ס׳זאָל גאַר
נישט האָב׳ן געשעהן — אינ׳ם צווייטען
צימער דער נעבען, ליגט דער יונגער
נפטר פון קאָם צוויי און דרייסיג יאָהר
אַלט, פיער יתומים׳ליך זענען איבער
געבליבען, און דער רבי זיצט זיך פּראַ-
וועט דעם שבת-דיגען טיש, מ׳זינגט אַלע
זמירות ס׳איז שבת-דיג ווי אַלע אַנדירע
שבתים, גאַנץ פרעמדע פּריוואַט מענטש׳ן
וואָס זענען גראַדע דאָרט, שטיקען זיי
די טרערען אין האַלז און ס׳איז זיי
שוועהר אַרויס צו רעדען די ווערטער
און דער רבי דאַגעגען דאַווינט פאַר׳ן
עמוד, פּראַוויט טישען, זאָגט תורה און
די טרערען שטיקען אוהם גאָר נישט?
ער זאָגט זיך נעימת-דיג און בהרחבה-
דיג, פינקט ווי יעדען שבת — דער
פּראָסט׳ר מענטש שטייט, קיקט דאָס צו
און פערשטייט נישט — וואָס פאַר אַ
סאָרט מענטש קען דאָס זיין אַז אַזאַ
ביטער אום-גליק זאָל אויף אוהם נישט
מאַכען קיין שום איינדרוק? אין אמת׳ן
אָבער געזאָגט, קען דאָס טאַקי דער

פּראָסטער

פראָסטער מענטש נישט פערשטיין, פינקט ווי ער פערשטייט אויך נישט די מיינונג פונ'ם פסוק (דברים יוד כ') את ה' אלקיך „תירא" אותו „תעבד" ובו „תדבק", וואָס מיינט מען „תירא" וואָס מיינט מען „תעבד" און וואָס מיינט מען „תדבק" די תורה זאָגט דאָך נישט קיין איבעריגע ווערט'ר ח"ו, אַזוי מיינט מען דאָך עפּעס? דער פראָסט'ר מענטש פערטייטשט עס אפילו — ער ווייסט אָבער נישט וואָס ער זאָגט און פערשטייט נישט וואָס ער פערטייטשט, ווייל ער איז דאָך נישט דער בּיי, דער דאָזיגער אָבער וואָס איז ביי דער מדרגה פון „תירא" „תעבד" „תדבק" אויף דעם דאָזיגען, איז קיין שום וואונדער, ער איז אַלעס מקבל באהבה ובשמחה — פון דעם דאָזיגען והנהגות אין יענעם שבת האָט מען דייטליך אַרויס געזעהן דאָס גרויס-קייט פונ'ם רבי'ן.

זינטיג גאַנץ פרי, קימען דאַמאָלס די חברה קדושה צו'ם רבי'ן און פרעג'ן אוהם, אויף וועלכען אָרט זאָל מען לייגען דעם רבי'נס זוהן, דער רבי דער ציילט זיי וועגען דעם אַ וואונדערליכען סיפור און זאָגט — באַנאַכט ווען איך בין אַ ביסעל אַנשלאָפען געוואָרען איז מיר געקימען צו חלום אַן אַלט'ר צדיק בּין סאַסיב און זאָגט מיר — איך זעה נישט אויף דעם גאַנצען „בית עולם" אַ שיין אָרט פיר אייער זוהנ'ס וועגען — אזוי האָט מיר דער דאָזיגער צדיק געזאָגט און איך פערשטיי אַז דאָס איז אַ ודאי געוועזן דער צדיק ר' מיכל'ע וואָס ליגט דאָ אין סאַסיב און דער דאָזיגער צדיק פערלאַנגט מ'זאָל לייגען דעם זוהן נעב'ן אוהם — די חברה קדושה אָבער בלייב'ן שטיין זייער פערוואונדערט און זאָג'ן צו'ם רבי'ן — ווי קען דאָס מעגליך זיין? דאָרט אין דעם צדיק'ס „אוהל" 1) איז נישט דאָ קיין פלאַטץ פאַר נאָך אַ קבר, רעכט'ס פונ'ם צדיק'ס קבר נעב'ן דער וואַנט איז אַ ענגער דאָרך גאַנג, אַז מ'וועט דאָרט מאַכען דעם זוהנ'ס קבר אַזוי פערנעמט מען דעם גאַנצען דאָרך גאַנג, און ווידער לינק'ס אַ קעגען דער טיער וועט מען נישט קענען עפינען די טיער פינ'ם „אוהל" — דער רבי אָבער האַלט זיך פעסט ביי זיין פלאַן און זאָגט צו דער חברה קדושה — גייט'ס אַ רויף אויפ'ן ציון צו'ם דאָזיגען צדיק'ס אוהל — איר זאָלט פריער אָן קלאַפען אין דער טיער — און זאָגען פון מיינ'ט וועגען להה"ק הר' מיכל, אַז איך האָב אוהם געבעט'ן אַז ער זאָל מאַכ'ן פלאַטץ פאַר'ן זוהנ'ס וועגען — די חברה קדושה האָב'ן אַזוי גיטיען, זיי האָב'ן אָן גע-קלאַפט אין דער טיער פינ'ם „אוהל"ג און געזאָגט דעם רבי'נס ווערט'ר, זיי זענען אַריין געקימען אינ'ם אוהל אַזוי זענען זיי געבליבען אויסער זיך פאַר וואונדער, רעכט'ס פינ'ם קבר נעב'ן דער וואַנט ווי ס'איז תמיד געוועזן נאָר אַ ענגער דאָרך גאַנג, איז גיוואָרען אַ ברייטער פלאַטץ, אַזוי אַז מ'האָט גע-לייגט דאָרט דעם רבי'נס זוהן און עס איז נאָך געבליבען אַ דאָרך גאַנג:

---

## ——— סיפור כא. ———

דער רבי פלעג זיך זייער גיט פער-האַלט'ן מיט'ן וועלט בעקאַנט'ן גאון דער לעמבערג'ער רב הה"ג הר' יצחק שמעלקיס זי"ע, דער בעל מחבר פונ'ם וועלט

---

1) דעם דאָזיגען צדיק'ס קבר איז אין אַ שטיבעל, אַזוי ווי דער מנהג איז ביי אַ סך צדיקים, און דאָס רופט מען „אוהל".

וועלט בערימטמט'ן ספר שו"ת „בית יצחק", מ'האט געזעהן אַז צווישען זיי איז אַ גרויסע אהבה. ווען דער רבי פלעג קימען קיין לעמבערג, אַזוי פלעג תמיד דער דאָזיגער גאון גיין צו'ם רבי'ן און דאָרט ביי'ם רבי'ן פערברענגען לערך אַ שעה צייט, און דער גישפרעך צווישען זיי בדברי תורה, איז גיוועזן באהבה ובשמחה, אַזוי אַז דער גאון פלעג דער נאָך עפעס מזכיר זיין דעם רבי'ן פלעג ער שמיסען פון אוהם מיט יראת הכבוד.

דער דאָזיגער גאון איז נפטר גיוואָרען אינ'ם יאָהר תרס"ו ערב יו"כ, און דער רבי איז נפטר גיוואָרען מיט דרייצעהן יאָהר שפעטער, און דער דאָזיגער פלאַטץ נעב'ן גאון הנ"ל האָט אין דער גאַנצער צייט ביז'ן רבי'נס פטירה קיינים נישט אויף גינעהמ'ן, נאָר געוואַרט אויפ'ן רבי'ן, דעם רבי'ן האָט מען טאַקי גילייגט אויף דעם דאָזיגען פלאַטץ נעב'ן „בית יצחק", אַזוי אַז מ'קען זאָגען אויף זיי — הנאהבים והנעימים בחייהם ובמותם לא נפרדו — (שמואל ב' קפיטל א'.) נאָך מיט דריי יאָהר צוריק פאַר'ן רבי'נס פטירה האָט מען דאַמאָלס שוין גיקענט מערק'ן אַז דער רבי וויל האָב'ן דעם גאון „בית יצחק" פאַר אַ שכן קרוב, ווייל מיט דריי יאָהר צוריק, אינ'ם יאָהר תרע"ו פירצעהן טאָג אין חודש אדר ראשון פורים קטן אום פרייטוג, איז דעם רבי'נס רביצען נפטר געוואָרען 1) און מ'האָט זי גילייגט נעבן דעם גאון, און אין צווישען האָט מען איבערגעלאָזט אַ פלאַטץ פיר נאָר איין קרקע, און בשעת דעם איז דער רבי גישטאַנען דאָרט אוים'ן ציון און רופט זיך אָן מיט די ווערט'ר — צווישען איר קבר אונ'ם רב'ס קבר איז דאָ פלאַטץ פיר נאָר איין קרקע — דער רבי האָט דאָס געמיינט פיר זיך. און אין דעם זעלב'ן יאָהר נאָך פסח האָט זיך דאַמאָלס די מלחמה 2) שטאַרק צ'פלאַקערט, אַזוי איז דער רבי מיט דער גאַנצער פאַמיליע אַ וועק פון לעמבערג קיין אָשוויצים דאָס איז געווען אינ'ם חודש סיון תרע"ו, און שפעט'ר אַ צייט, האָט דער רבי אָן געהויבען צו זאָגען — איך וויל צוריק קיין לעמבערג, און גישיקט די קינדער קיין לעמבערג זוכען וואָהנונגען מ'איז געפאָהר'ן מ'האָט דאָרט געזוכט, און קיין פאַסינדע וואָהנונג האָט מען נישט גיקענט טרעפען, ווייל דער רבי האָט דאָך געהאַלטען אַלע קינדער ביי זיך, ער האָט אויס געהאַלטען קינדער, אייניקליך, און אור-אייניקליך, אַזוי אַרום האָט דער רבי דאַמאָלס געהאַט צו פערזאָרג'ן פינפצעהן פאַמיליעס פון „שבעים נפש" מיט וואָהנונגען, און דאָדורך טאַקי איז מען תמיד צוריק געקומען פון לעמבערג מיט דער תשובה, אַז קיין וואָהנונג איז נישט דאָ, דאָס האָט זיך אַזוי פערצויגען ביז אינ'ם חודש אב תרע"ח, דאַמאָלס איז שוין דער רבי אַרויס מיט אַ שטרענג'ן באַפעהל און געזאָגט שטרענגס מיט די ווערט'ר — אַצינד



1) די רביצען איז גיוועזן אַ גרויסע צדיקת און פון גדולי יוחס, נכדת הה"צ הר' הירש ליב אָליקער, והה"צ הר' שלום פראָביזנער בחה"צ המלאך בהה"צ הרבי ר' בער, ונכדת הה"צ הר' מרדכי'לי קרעמיניצער בהה"צ המגיד מזלאָטשוב בהה"צ ר' יצחק'ל דראהביטשער, ונכדת הה"צ הר' נחום טשערנאָבלער והה"צ הר' פייביש'ל זבריזשער זכותם יגן עלינו ועכ"י.

2) אוים'ן רוסישען פראָנט געב'ן בראָד.

מיז מען שוין פאהר'ן קיין לעמבערג אן שום תירץ, ס'איז דארט'ן נישט דא קיין וואהנונגען ! וועלען מיר האב'ן סטאנציע אין א גאסט הויז, פאהר'ן מיז מען שוין ! מ'איז באלד גיפאהר'ן קיין לעמבערג אין סטאנציע האט מען טאקי געהאט אינ'ם גאסט הויז. פינ'ם דאזיגען שטרענ-גען באפעהל זעהט מען ארויס אז דער רבי האט דאמאלס גיוויסט פאראויס פריער דאס זעלבע וואס אנדירע זענען ערשט שפעט'ר גיוואויר גיווארען, ווייל אין אפאר חדשים שפעט'ר ווען דער רבי איז נפטר גיווארען איז דאך דא-מאלס גיווען די שרעקליכע טעג פונ'ם בירגער קריג, ווען די פטירה זאל גיווען זיין אין אשוויצים אזוי וואלט דאך דער רבי נישט גיווען גצהאט דעם גאון „בית יצחק" פיר א שכן קרוב, אזוי איז ערשט דאמאלס גיט קלאר גיווארען די כונה פינ'ם רבי'נס שטרענגען באפעהל — א-צינד מיז מען שוין פאהר'ן קיין לעמ-בערג אן א שום תירץ — אינ'ם גאסט הויז איז דער רבי גיווען א פאר וואכען און דער נאך האט מען זיך ארײַן גע-צויגען אין דער פיאסטוב גאס נ' 14. און באלד נאך סוכות האט זיך אן געהויבען דער בירגער קריג. ביי דער דאזיגער בהלה איז גיווען זייער ביטער, די צוויל באפעלקערונג זענ'ן גיוועזין כמעט ווי הפקר, מ'האט גירויבט, גיפלינדערט, און צווישען די רויבער איז אויך גיווען א סך וואס האב'ן זיך פער קלייד'ט אין סאלדאצקי מאנדור מיט גיוועהר, און א-זוי ארום גיקענט לייכט'ר רויבען, און אין דער דאזיגער ביטער'ר צייט קימט ארײַן צו'ם רבי'ן אין דער דאווינשטיב דריי שטיק, איינער אלס אפיציער און צוויי אלס פראסטי סאלדאטען, און פון דער דאווינשטיב גייען זיי מיט א רציחה

גלייך ארײַן צו'ם רבי'ן, נאר אזוי ווי אבער זיי זענען ארײַן אין רבי'נס שטיב דער אפיציער האט דער זעהן דעם רבי'ן האט ער זיך פאר אוהם שטארק פער-נייגט און מיט גרויס דרך ארץ גיבעט'ן אז דער רבי זאל אוהם געבען א ברכה, דער רבי האט אוהם גיבענטשט, און דער אפיציער האט פערשפראכען אז פון אצינד אן וועט ער שוין קיין שום „יוד" נישט טיען קיין שלעכט'ס, דער אפיציר מיט די צוויי סאלדאטען האב'ן זיך זייער פיין גיזעגינט און זיך גיגאנגען זייער וועג, שפעט'ר דער נאך, קימט ארויף א יוד צו'ם רבי'ן און דער ציילט אזוי, דער זעלבער אפיציר וואס ער איז דא גיווען האט מיך באגעגענט אין זאגט מיר — איך וועל דיר דערציילען א וואונ-דער, מ'האט מיר אן געוויזען אויפ'ן סאסיבער ראבין אין פיאסטוב גאס אז ס'איז דארט דא וואס צ'נעהמען, אזוי האב איך מיט מיר מיט גינעמ'ן נאך צוויי גיטע ברידער און מיר זענין גי-גאנגען צו'ם ראבין, ווי אבער נאר איך בין ארײַן גיקימען אינ'ם ראבינ'ס שטיב און דער זעהן דעם ראבין, אזוי האב איך מיך שטארק דערשראק'ן פאר אוהם, איך האב שוין דארט'ן גאר נישט גינע-מען, איך האב נאר פערלאנגט פינ'ם ראבין א ברכה, דער ראבין האט מיר גיגעבען א ברכה און איך האב אוהם פערשפראכען אז פון אצינד אן וועל איך קיין שום „יוד" קיין ליידיס טיען. —

מיט אפאר טאג שפעטער ווען ס'איז ערקלערט גיווארען אויף צוויי טאג וואפ-פען שטילשטאנד און מ'האט שוין גי-קענט גיין אין די גאסען אזוי האט זיך דאמאלס דער רבי צוריק געצויגען פון דער פיאסטוב גאס אינ'ם יודישען צענטרום, אין דער פארמיינסקא גאס.

נאך

נאָך די דאָזיגע צוויי טעג האָט זיך דער קאַמפּף צוריק אָן געהויבען, די גנבים און רייבער באַנדעס וואָס קיקען אַרויס אויף אַזאַ מאָמענט האָבּ'ן אויס גיניצט די געלעגענהייט און געמאַכט דאַמאָלס דעם שרעקליכען פּאָגראָם אין לעמבערג וואָס טוזינט'ר מענטשען זענען בצרויבט געוואָרען און הונדערט'ר מענטשען זענען געהאַרגעט געוואָרען, ס'איז כמעט נישט געווען קיין איינציג הויז פונ'ם יודיש'ן צענטרום אַז די פּאָגראָמטשיקעס זאָלין דאָרט'ן נישט האָבּ'ן געווען, און אין דעם הויז אָבער ווי דער רבי האָט זיך דאָרט אויפגעהאַלט'ן אַזוי איז דאָרט קיין איינציגער פּאָגראָם-טשיק נישט אַריין גיקימען, אויף האָבּ'ן דאַמאָלס געוואוינט גרויסע נגידים אין דעם דאָזיגען הויז, און ווי געוועגליך האָבּ'ן זיי זיך שטאַרק גישראָקען ווייל אויף נגידים האָט מען דאָך אַנ'אויג אין אַזאַ צייט, און ווען זיי זענען ניצל געוואָרען פון אַלעם שלעכט'ן אַזוי האָבּ'ן זיי גאַנץ גיט גיוויסט אַז דאָס איז אינ'ם רבי'נס זכות, אַז אינ'ם זכות פונ'ם רבי'ן האָבּ'ן די רייבער באַנדיס נישט געהאַט קיין שליטה צו'ם הויז.

נאָך דעם שרעקליכען פּאָגראָם, מיט די ביטירע צרות וואָס ס'איז דאַמאָלס גיוועזין האָט שוין דער רבי נישט גיקענט איבערהאַלט'ן, און זיך אויס געדרוקט מיט די ווערטער — איך קען שוין מעהר נישט פּערטראָגען די צרות פון דער וועלט — דער רבי איז טאַקי באַלד נאָך דעם נפטר גיוואָרען אינ'ם יאָהר תרע"ט צוועליף טאָג אין חודש אדר שני פּרייטיג פּאַר טאָג איז גיוועזין דעם רבי'נס פּטירה, אין די דאַמאָלס-דיגע שרעקליכע ביטירע טעג איז דאָס אויך גישען דאָס הייליגע ליכט איז דאַמאָלס אויס געלאָשען געוואָרען 1) די זעלבּע וואָך עטליכע טעג פּאַר דער פּטירה פלעג דער רבי אַלע מאָל פרעגען אויב ס'איז שוין באַלד „שבת" מ'האָט גיזעהן אַז ער האָפּט שטאַרק אויפ'ן שבת — — — —

דאָנערשטאָג ביי נאַכט אַ פּאָר שעה פּאַר דער פּטירה האָט ער זיך אויף גיזעצט און גזאָגט מיט די ווערטער — אַצינד קימט שוין אָן דער „שבת" גיט'ס אַריין חלה און אַ שטיקעל פיש לכבוד שבת — מ'האָט תיכף אַריין גיבּרענגט, דער רבי האָט זיך געוואַשען צו דער חלה און געמאַכט די ברכה „על נטילת ידים" און ברכת המוציא אויף אַ הויך קול, אַזוי ווי פסח צו'ם ערשטען כזית מצה 2) מענטש'ן וואָס זענען געשטאַנען דאַמאָלס אין דער דריטער שטיב האָבּ'ן אַריין געהערט די דאָזיגע ברכות, אַזוי אַז מ'האָט גיקענט מיינען אַז דער רבי איז שוין פּאָלקאָם געזונט, נאָך דעם ווי ער האָט עפּעס פּערזוכט האָט זיך דער רבי צוריק גילייגט, אין מ'האָט גיזעהן ווי ער זאָגט עפּעס, אָבער וואָס ער זאָגט האָט מען נישט געהערט נאָר ביי ענדע האָט ער שוין גיזאָגט אויף אַ הויך קול, האָט מען געהערט יעדיס וואָרט ער האָט גיזאָגט די ווערטער — **דורש טוב לעמו ודובר שלום לכל זרעו** — און באַלד נאָך די דאָזיגע ווערטער

1) אעפ"כ כל זאת היא רק „לעיני בשר" אבל „לעיני שכל" היינו „עיני לב" בחזות „ולבי ראה הרבה חכמה" (קהלת א' ט"ז), לא כבה האור כלל ח"ו, וכמו שאמרו חז"ל „גדולים צדיקים במתתם יותר מבחייהם".

2) בפסח לכזית מצה הראשון הי' מנהגו לברך בקול רם יותר מכל השנה, באהבה ובשמחה ובהתלהבות יתירה.

ווערטער איז געווען די פטירה.

ווי דעם לעזער איז שוין בעקאַנט זענען דאָך די דאָזיגע טעג גאָר שרעקליך געווען, אַרום לעמבערג שטייען די אוקראַינער מיט קאַנאָנען און מאַשינען געוועהר, און מיט'ן דער שטאָט פאַלין קוילען, אַ סך צוויל מענטש'ן ווערין געהאַרגיט אין מיט'ן דער גאַס, אַזוי איז געווען אַ יעדען טאָג. און אין דעם דאָזיגען פרייטוג-דיגען טאָג אָבער ביז נאָכ'ן רבי'נס לוי' האָט מען נישט געהערט קיין איינציגען שאָס, תיכף אָבער אַזוי נאָר ווי מ'איז צוריק געגאַנגען פון דער לוי' אַזוי האָב'ן שוין די קאַנאָנען מיט די מאַשינען געוועהע זיך ווידער גילאָזט הערין אַזוי אַז ס'איז שוין געווען אַ שרעק, אויף דער גאַס אַרויס צו גיין.

דער „לב שמח" דעם רבי'נס פאָטער איז אויך נפטר געוואָרען אום פרייטוג, דעם רבי'נס ברידער דער רבי ר' יצחק'ל איז אויך נפטר געוואָרין פרייטוג.1) דער רבי האָט נישט געוואָלט בלייבען אין אָשוויצים דאָרך דעם שכן טוב הגאון „בית יצחק" כנ"ל, און חוץ דעם קען מען זאָגען נאָך אַ טעם, ווייל אינ'ם לעמבערגער געגענד האָט דער רבי אַ סך חסידים אַזוי האָט ער געוואָלט זיי זאָלין קענען לייכט קימען אויף זיין ציון אָן גרויסע הוצאות. 2)

דער רבי ביי די טישען פראַווען, ווען ער האָט געזאָגט תורה, אַזוי פלעג ער אַמאָל צו ברענגען דעם פסוק „שתולים בבית ה' בחצרות אלקינו יפריחו", און דעם דאָזיגען פסוק אויס טייטשען אויף דעם אופן "שתולים בבית ה'„ די צדיקים וואָס זענין שוין אינ'ם „גן עדן עליון" „בחצרות אלקינו יפריחו" די דאָזיגע צדיקים זאָלין זיך משתתיף זיין בזה העולם און העלפ'ן מעורר צ'זיין רחמים וחסדים אויפ'ן כלל ישראל מ'זאָל געהאָלפען ווערין מיט רפואות און ישיעת, ולגאולה קרובה במהרה בימינו אס"ו:

---

1) בש"ע או"ח סימן רצ"ב סיעף ב' בבאה"ט ס"ק ג' וזה לשונו, אומרים צדקתך במנחה, דמתו בו יוסף, משה, דוד, ובז"ח האריך להוכיח שלא מת משה בשבת רק „בערב שבת".

2) וזה ידוע מספרים הקדושים, כי עי"ז נצמח טובה בעד החיים ובעד הנפטרים ג"כ, וזה לשון „ספר הסידים" סימן ת"נ – כי הנאה יש להנפטרים שאוהבם הולכם על קבריהם וכו' והם מתפללים על ההיים, וכלב בן יפינה השתטח על קבר האבות.–